די קולטור־סעקציעס פון דער יידישער אַגענץ און יידישן וועלט־קאָנגרעס ; דער יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ ; דער יידישער זשורנאַ־ליסטן און ליטעראַטן פאַריין און פריינט פון יידיש לשון
פאַרבעטן אַלע ליבהאָבער פון יידישן וואָרט אויף אַ

## רעציטאַציע־אָוונט

פון באַרימטן ישראל רעציטאַטאָר

### יהודה אֹרן (ערנקראַנץ)

**מיטוואָך אָוונט, דעם 14־טן מערץ, 1956, 7.30 אַזייגער**

אין אַנגלאָ־איזראַעלי קלוב, פּיקאַדילי.

דער וואָרט־קינסטלער וועט אויפטרעטן אין געקליבענע ווערק פון ביאַליק, פּרץ, ראָזענפעלד, שלום־עליכם, טונקעל, לייוויק, האַזאַז, מעלצער און פּאַפּיערניקאָוו.

באַגריסונגס־רעדע פון **א. מ. קייזער**

איינטריט ביי פּראָגראַם.

---

צום דערשיינען פון דעם בוך

## פון יוסף הלל לעווי

קומט פאָר אַן אויפנאַמע אונטערן פאָרזיץ פון **ד״ר א. שטיינבערג**

**זונטיק, דעם 11־טן מערץ, 1956**

אום 4.45 אַזייגער נאָכמיטאָג פּונקט

**אין פּאַלמאַנס רעסטאָראַנט, 24־25 נאָעל סטריט, וו.1**

צו וועלכער איר ווערט מיט כבוד פאַרבעטן. איינטריט פריי.

מרים לעווי.

---

דער קולטור־קאָמיטעט פון דער בריטישער סעקציע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס צוזאַמען מיט דער איסט־ענד בראַנטש לאַדן אייך איין צו אַ

## יובל־סימפּאָזיום

וואָס וועט פאָרקומען

**זונטיק, דעם 11־טן מערץ, 7.30 אָוונט אין אַדלער האָל, אַדלער סט., א.1**

אין שייכות מיט דעם דריי־הונדערט יעריקן יובל פון דעם יידישן ישוב אין ענגלאַנד

רעדנער און טעמעס:

**י. ל. פּיין:** דער יידישער אימיגראַנט: טיפּן און בילדער.

**א. מ. קייזער:** צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע.

**א. ר. ראַלין:** אַנטוויקלונג פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג.

פאָרזיצער: **יוסף פרענקעל.**

איינטריט פריי. טיי און צובייסעכץ. קומט אין צייט.

---

183

# לשון און לעבן

**חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור**

נומער 4 (העפט 295) זיבעצנטער יאָרגאַנג אַפּריל 1956 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

### אינהאַלט:

| | | |
|---|---|---|
| אין טעג פון חשבון הנפש ; צום 16־טן און 19־טן אַפּריל 1956 | ** | 1 |
| דער פאָלקס־העלד גדעון (תנ״ך־געשטאַלט) | דר. יעקב י. מייטליס | 5 |
| אַ חלום פון חייטשעפּל (אַ קאַפּיטל זכרונות) | דר. ז. פּ. פינקלשטיין | 12 |
| מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין חייב שיינה־שיינדל אין תל־אביב | א. מייזעלס | 15 |
| אין קינדער טעג (ליד) | ש. זאַלקין | 18 |
| דער חונדער ביים ברונען, אַנעמאָנען (באַלאַדע און לידער) | א. נ. שטענצל | 20 |
| צייט (ליד) | ראובן שטרובעל | 25 |
| שיינע פּרויען, נבוכדנצר (מיניאַטורן) | ש. טענענבוים | 26 |
| מיט דער מאַמעס כוח (דערציילונג) | משה דאָמב | 27 |
| דאָס שטערנטיכל (דערציילונג) | ה. היישעריק | 30 |
| יהודית (המשך) | | 31 |
| פון דיכטונג צו פּראָזע (רעצענזיע) | יחזקאל בראָנשטיין | 36 |
| אַלע געזאַנגען, אויגן אַפּלען, פרילינג (לידער) | שמואל חהייט | 39 |
| יוסף הערמאַן (צו זיין אויסשטעלונג אין חייטשעפּל אַרט גאַלעריע) | ש. | 40 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 40 |

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פּרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,

Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

רידינג־רום, פריינט פון יידיש לשון
צוזאַמען מיטן וועסט ענד בראַנטש
זונטיק, דעם 22־טן אַפּריל, 3 אַזייגער
אין אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1

## דעם זכרון פונם געטאָ אויפשטאַנד

ליכט־צינד הזכרה. עס באַטייליקן זיך מיט רעדעס:

**מיכאל זילבערבערג, י. ביעטש** און פריינט **יאַקובאָוויטש**

מיט רעציטאַציעס און געזאַנג וועלן זיך באַטייליקן

**רחל דאַניאַך, נעט רובין, בלום** און **באָגדאַנסקי.**

פאָרזיץ **א. נ. שטענצל** איינטריט פריי.

---

## דער מארד פון די יידישע שרייבער אין סאוויעט־רוסלאַנד!

קומט אַלע אויסדריקן אונזער טיפן צער און פּראָטעסט
אויפן

# אנדענק־אָוונט

מיטוואָך, 25־טן אַפּריל, אום 7.30
אין דער גרויסער שול זאַל, 262 קאָמערשל רויד, איסט.

רעדנער:

**א. מ. קייזער** (פאָרזיצער) **א. נ. שטענצל**
**יוסף פרענקל** **שלמה אוירבאַך**

אָרגאַניזירט פון:

פאַריין פון יידישע זשורנאַליסטן און ליטעראַטן
צוזאַמען מיט „פריינט פון יידיש לשון“

איינטריט פריי

---



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 295) זיבעצנטער יאָרגאַנג אַפּריל 1956 לאָנדאָן



## אין טעג פון חשבון הנפש

פונם נאַטירלעכן עטיש־עסטעטישן חוש פאַרעמט זיך דאָס קינסטלעריש רעליגיעזע געפיל; איינס איז די שפּיגלונג פונם צווייטן, איינס איז די קוואַל פונם אַנדערן — עס איז אַ מין „שתים שהן ארבע“! ווערט איינס שטאַרקער אויף די קאָסטן פונם צווייטן, ווערט פון דער קונסט אַ געץ און פון דער רעליגיע קולט, און ווי דאָס ערשטע דעגענערירט ביז שונד, קאָן דאָס צווייטע פּראָפּעטיש זיך פּראָפּיטירן ביז צו פּראָפּענאַציע.

אָן נאַטירלעכן חוש קאָן דאָס אומבאַוווסטן געפיל אָפּט פאַרפלאַכן אין אַ לייכט־שפּילנדיקע באַלאַנסירטע פאָלקס קונסט, אין אַ טרוקענעם באַלאַנס פון אַ נאַציאָנאַלער אויסגערעכנטער מאָראַל, ביז — צו קלאַסן־באַוווסטער קאָרופּטיר־טער פּראָפּאַגאַנדע.

און נישט איינמאָל צווייפלט מען שוין, אויב מיר יידן, אין אונזער גלות־לאַנגען אָפּוואַנדערן פון דער נאַטור, צי האָבן מיר נאָך דעם קאָנטאַקט מיט די אור־חושים; זיינען מיר נישט שוין אינגאַנצן אַטראָפירט, אָן אבר המדולדל? פרעגט מען זיך, ווען מיר זעען דעם מאָנסטרום וואָס מען האָט געמאַכט פון דער הייליק־עכטער יידישער רעליגיע, און וויפיל ווייניק געפיל מיר האָבן פאַר ריינער עכטער קונסט. עס כאַפּט אַ שרעק אָן ממש ביז צו פאַרצווייפלונג.

אונזערע גרויסע האָבן עס געוווסט! און ווי האָבן זיי זיך תמיד געראַנגלט דעם נאַציאָנאַל געוואָרענעם גאָט מיט אַלע זיינע מענטשלעכע י״ג מידות אים מאַיעסטעטיש אַרויפצוזעצן אויפן קאָסמישן טראָן „כי מעולם ועד עולם אתה אל“.

אונזער גאַנצע יידישע געשיכטע איז אָט־אָ דער העראָאישער געראַנגל: צווישן כהן און נביא, צווישן די צדוקים און פרושים, לומדים און חסידים.

פונם ערשטן יידישן געבאָט, פון „אנכי ד׳ אלוהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים“, ביזן היינטיקן לעצטן שעפערישן יידישן וואָרט גייט אָן דער געראַנגל.

עס האָט דער בעל שם הקדוש אונז אָנגענומען ביי דער האַנט, ווי מען נעמט אָן אַ חדר־ייִנגל און צוגעפירט צו די טויערן פון דער נאַטור. מיר ברויכן נאָר אַ פאַרשאַר צו טון דעם בלויען הימל־פּרוכת און מיר שטייען פנים אל פנים מיט די ריינקייט און הייליקייטן.

אַזאַ דור דעה ווי אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר איז אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע נישט בנמצא. דאָס רעליגיעזע געפיל אין סוף 18־טן און אין אָנהויב 19־טן יאָרהונדערט אין די יידישע שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע איז איבער יעדער מענטשלעכער השגה. דאָס חושימדיקע לייבהאַפטיקע פון דער עפּאָכע האָבן די נביאים חזיונדיק געאַנט און מיט זייערע אור־חושים דערשפּירט.

אין די יידישע שטעטלעך איז גאָט אַליין, כביכול, אַרומגעגאַנגען, פּה אל פּה האָט ער זיך מיט אים אַדורכגעשמועסט יעדער וואַסער־טרעגער ביים ברונען און יעדע מאַרק־יידענע ביים פלאַקערדיקן פייער־טאָפּ.

די גייסטלעכע מאָראַלישקייט און דאָס עטיש־עסטעטישע פונם יידישן לעבן אין די קליינע שטעטלעך אין יענעם יאָרהונדערט! מיר לעבן נאָך אַצינד דערפון, גרויס־שטעטיש דעגענערירענד, נע־ונד אָפּוואַנדערנדיק איבער דער גלות־וויטער וועלט.

און דער עסטעטיש־קינסטלערישער חוש אונזערער אין די לעצטע הונדערט יאָר, ווי איז ער געקניפּט און געבונדן מיט אָט דעם אָקאָרשט דערמאָנטן. נישט קיין אַנטיפּאַד איז ער פונם ערשטן און נישט קיין שאָטן אויף דער וואַנט געמאָלן פונם טייוול — די יידישע קונסט געשאַפן אין די לעצטע הונדערט יאָר איז דער געטלעכער זיווג, דער לייבהאַפטיקער צווילינג פון דער יידישער עטיק פון עכטן רעליגיעזן געפיל —

דער חסידישער ניגון און דאָס פאָלקס־ליד; דאָס לאַנקע ווייטע וואָלאַכל וואָס וואַנדערט אַזוי שעלמיש שאַלאַמייאיש אַרויף ביז אויף די ברעטער פון יידישן טעאַטער — פילאָזאָפיש וויל־יונגעריש צעפּיפּן „פון דער וויג ביז צום קבר״! פונם געמאָלענעם „מזרח״ אַרויס, פונם געשניצטן ארון־קודש אַראָפּ וואַנדערן די חיות הקודש, ביז אין די בילדער־ראַמען אַריין פון שאַגאַלן און יאַנקעל אַדלער.

אָ, דער אומענדלעך געטלעכער גאולה־גלות־מהלך פון „די מעשה מ״ז בעטלער״ ביז פּרצעס העראָאיש שעפערישער פּאָרעם־תוכיקער געראַנגל „צווישן צוויי בערג״. נאָר מיט דעם חושימדיק געפיל פון „כי מעולם ועד עולם אתה אל״ איז דאָס משיג צו זיין. דאָס שלימות פון דער יידישער וואָרט קונסט אין דער לעצט פאַרגאַנגענער יידישער עפּאָכע איז דאָס ווונדער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

* * * * *

אָבער דער ריס האָט, אפנים, געמוזט קומען ווי ביי יעדער פאַרפאָלקאָמונג, ווי ביי ידער שלימותדיקער גאַנצקייט, וואָס בלייבט אַרומגערינגלט אין אַ וואַקואום. און אויב די יידישע רעליגיע איז ביי אונז חלילה נישט געוואָרן צום געץ, — אָבער אַ קניענדיקע צו יעדן ר׳ געצל — איז די יידישע קונסט כמעט שוין אָפּגעריסן פון יעדן עכטן און נאַטירלעכן אור־מקור. אין די לעצטע יאָרן קאָן מען נאָך רעדן ביי אונז פון אַ נאַציאָנאַל באַוווסטע און פלאַכע פאָלקס קונסט און פון פּראָפּאַגאַנדיסטיש פּראָלעטאַרישע מאַכערייקעס.

מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט די קונסט פון „מאַכן״ אין יעדן לאַנד ווו מיר האָבן גלותדיק פון דער נאַטור אָפּגעוואַנדערט —יידלען מיר!

און נישט נאָר פון אַ פּעפּער און פון די קאָמסאָמאָלצעס פון די יידיש סאָוויעטישע שרייבער, נאָר וואָס איז געוואָרן, נאָך אַלעמען, פון אונזער גרויסן דוד בערגעלסאָן און נאַטור נאָנטן דוד האָפשטיין! מיתה בנשיקה פון השכלה אַסימילאַציע? מאָדערנע מאַראַנען ענדיקנדיק אין נ.ק.וו.ד. אינקוויזיציע? . . .

און אין דעם פינף מיליאָניקן, כן־ירבו, יידיש־פּאַטריאָטישן אַמעריקע!



וואָס איז געוואָרן פון דעם האַרץ־קוואַלעדיקן פרישן שטראָם פון די פּאַרטיפּטע „אינזיכסטן״? און דער פאָלג מיך אַ גאַנג פון „די פוילישע וועלדער״ ביז צום „איסט ריווער״.

און אין אונזער טויזנט און איין וועג צוריק קיין ישראל ווי שמאָל איז איצט דאָס לעגענדעלע פון עכטער יידישער שעפערישקייט. אונזער משוררים־כאָר, ביים ברעג פון יידישן לעבן זיצט אין זשאַבע שיסלעך און קוואַקעט.

קאָן און וועט דער חורבן פון אונזער שעפערישער ליטעראַטור צוריק אויפגעריכט ווערן פון דער איצט זיך שאַפנדיקער חורבן־ליטעראַטור?

דער חורבן פון אונזער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פּאַרטייאישקייט — נישט נאָר פּערזענלעכע פּניות איז די מחיצה פון מקורדיקע עכטקייט! (ביי ס׳רוב איז דאָך ליידער די פּאַרטייאישקייט אויך נאָר געווען אַ שטאַפּל צו אויפגעבלאָזענער באַרימטקייט, אָדער אַ מקור פאַר פּרנסה . . .)

און אויב מיר האָבן פאַרלוירן אונזער נאַטור חוש, אָדער מ׳יר האָבן זיך שקלאַפיש פאַרקויפט, איז גאַנץ נאַטירלעך אַז דאָס וואָס ס׳איז געשען מיט אונז איז געשען. דאָס חזיר פרעסט אויף זיינע אייגענע קינדער! איז נאָך נויטיק איצט צו מאַכן אַ חשבון הנפש אַז יעדער ווייסט אים און האָט אים צו מאַכן מיט זיך?

אָן די עכטע ציון־לידער פון פרוג און סוועט לידער פון ראָזענפעלדן, אָן „אין די סאָכע ליגט מזל ברכה״, אָן די אַלע נאַטור נאָנטע לידער און אַרבעטער און קאַמף לידער — שוין נישט צו רעדן פון די אַלע באַוווסטע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור! — עס וואָלטן קיין טראַקטאָרס נישט באַאַרבעט איצט די ישראל ערד, און ווער ווייסט צי אָן די אויפגעברויזטע יידישע בערזעס 1905 צי ס׳וואָלט געווען אַ סאָוויעט־לאַנד. און איצט איז אין ישראל יידיש נישט קיין עפנטלעכע שפּראַך און אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז זי אינגאַנצן פאַרטיליקט.

דער מאָראַלישער מאַקיאַוועליש־יעווסעקישער אונטערשיד גייט אונז איצט דאָ נישט אָן! אַז בכלל איז דאָס בעסטע אויסמיידן יעדע „העכערע״־אינסטאַנץ...

אָבער אַז אין די אַנדערע לענדער ווו דער יידישער מענטש לעבט זיך פריי אויס אין יידיש סיי פּאַטריאָטיש נאַציאָנאַל, סיי פּראָלעטאַריש באַוווסט, קאָן די יידישע קולטור און ליטעראַטור נישט עקזיסטירן אָן די דייטשע געלטער, צי מיינט דאָס נישט אַז אונזער עסטעטישער חוש איז אַזוי עטיש בשפל המדרגה, אַז נידריקער קאָן עס שוין נישט גיין — — אָ, דער יידישלעכער „שלא להתבייש״־געראַנגל אינם פּאָליטישן אינטערעס פון מדינה׳שקייט.

נאָך ראַנגלען מיר זיך אומעטום, נאָך זוכן מיר די פּעדים צוריק אָפּצוקניפּן, נאַטור נאָנט און עכט. נישט היעראַרכיש פון אויבן אַראָפּ, — פונם גענעראַלסקן רויטן, צי פון רעוורענדישן ראַביי קאָלנער! — נאָר חושימדיק מקוריק און עטיש־עסטעטיש.

געציש־פּלאַסטישע קונסט־געווערבע פאַרקויפט זיך לייכט אויפן מאַרק און ס׳ווערט אויך די האָלצערנע קוליע פאַר דער נאַציאָן אויף איר אונטערצוהינקן. עכטע קונסט איז דער געזונטער חוש פונם פאָלק און זיין געפיל פאַר שיינקייט, לייבהאַפטיק פאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן.

## צום 16-טן און 19-טן אפריל, 1956

1. „אדוני אדוני אל רחם וחנון — —"

פון דער געטאָ־מויער, פון דער כותל־מערבי,
ווי אַ פאַרטריבענער הונט אונז פאַריאָגט פון בײדע,
און ווו דײן „אל תשלח ידך אל הנער" געווען,
ווען אַ מיליאָן קינדער געפירט צו דער עקידה.

גאָר געוואַלטיק דו ביזט, גאָט, גאַנץ גרויס — „כי גאה גאה",
געטון טון דו האָסט דײן מדות־הדין באַווײזן!
אָבער ווו איז דײן רחמנות „חנון ורחים",
דײן צוגעזאָגטער, אַזאַ קלײן פאָלק צו דערלײזן?

אַז דו ביזט אַ „רב חסד", אַן „ארך אפיים",
גאָט ווער ווײס נאָך אין דײנע ווערטער וועלן גלײבן!
ווי מיר ווײסט בלײבן, אַ נע ונדניק, אַ וויסטער,
אויב פון פיצעלע ערד איצט מען וועט אונז פאַרטרײבן.

ווי זיי וועלן זיך שפּאָטיש צעלאַכן איבער אונז,
נאָך הילכיקער איבער דיר, זייער ווילד געלעכטער:
ס'מאַקאַבייער פאָלק, שמשון הגבור העלדן,
און זייער נוקם ונוטר, דער גאָט גערעכטער — —

2. „והיה ביום ההוא"

עס וועט אייך פאַרגיין דער גרילץ פון אייער געלעכטער,
אויב אַרום די אייל קוואַלן, די קאַנאַלן־רערן,
מיט די פאַרדאַרטע, זון־פאַרקוואַרטע מדבר־דערנער,
דאָס פייער איצט וועט ווידער אָנגעצונדן ווערן.

קאָפּטשינדיקע קנויט־קנוילן — קאַנאַלן אין פלאַמען!
סיקנדיק, סם־סלינענדיק שלאַנגען־קעפּ זיך שטרעקן!
דער שפּריצנדיקער גיפט, דער ווונדן ברענענדיקע —
מיט פונקן־סנאָפּעס גאַנצע ערד שוין צו באַדעקן.

אויב דאָס שפּיל מיט פייער וועט אייך ווידער געלינגען,
איר וועט איצט שוין מיטן קרבן ברענען צוזאַמען;
גאַנצער ערד־קײלעך, צינגלדיק אַרומגערינגלט —
אַ קויל וואָס ווערט געוואָרפן אין פלאַקער פון פלאַמען!

ס'וועט פאַרגיין דער גרילץ פון אייער טייוול־געלעכטער —
אַ וויגע־ווינט אין אַלדע וויסטע ווילדע העקן!
עס וועט פון אייך קיין שום זכר־סימן נישט בלייבן,
קיין שאַקלן צומאָל, וואָס זאָלן אים דערשמעקן.



ד"ר יעקב י. מייטליס

דעם אַנאָנימען בויער און קעמפער
אין מדינת ישראל.

# דער פאָלקס־העלד גדעון

(פון דער סעריע: תנכישע געשטאַלטן)

### א.

און עס איז געווען אין די צייטן פון די שופטים.

עס איז געווען די צייט פון דער באַצווייגונג פונם לאַנד כנען דורך די בני ישראל. עס איז געווען יענע גרויסע עפּישע העלדן־תקופה, מיט איר גראַנגל און גבורה־מעשים, וואָס שטייט אין דער גרויער פאַרגאַנגענהייט, ביים באַגינען פון דער יידישער פאָלקס־געשיכטע.

גרויסע טיילן פונם לאַנד כנען האָבן שוין די שבטים געהאַט איינגענומען און זיך אין זיי פאַרפעסטיקט. די האַלב־נאָמאַדן, וואָס זיינען געקומען פון אַ לאַנגען מאַרש דורכן מדבר אין דעם רייכן קולטור־לאַנד פון כנען, האָבן זיך גיך געהאַט צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען פון לאַנד. זיי זיינען באַלד אַריבער צו אַגריקולטורעלער ווירטשאַפט און ווי פויערים זיך טיף פאַרוואָרצלט אינם באָדן.

אָבער קיין מלך האָט נאָך דעמאָלט נישט געהערשט איבערן לאַנד. עס איז נאָך נישט פאַראַן געווען קיין צענטראַל־אָרגאַניזירטער כוח, וואָס זאָל אָנפירן מיט די בשותפותדיקע אינטערעסן פון די איינצעלנע שבטים.

איז פּאָליטיש דאָס לעבן געווען צעשפּליטערט, דאָס לאַנד צעטיילט צווישן די איינצעלנע שבטים מיט זייער כאַראַקטעריסטישן פּאַרטיקולאַריזם. צו קיין נאַציאָנאַלער אחדות איז דאָס פאָלק נאָך נישט געווען דערוואַקסן.

אַזוי אַרום איז יעטוועדער שבט געשטאַנען אָפּגעריסן פונם כלל, געשטאַנען אַליין, פאַר זיך, מיט זיינע אייגענע דאגות און קאַמפן, און טאַקע מיט אַ היבשער מאָס פון שבט־עגאָאיזם. זעלטן איז מען פעאיק געווען צו אַ בשותפותדיקער מיליטערישער אָדער פּאָליטישער אַקציע. דאָס לעבן איז געשטאַנען אונטער דעם באַרימטן מאָטאָ פונם אינטעררעגנום: איש כל הישר בעיניו יעשה! יעדער האָט געטון, וואָס ער האָט געוואָלט.

דעם דאָזיקן מצב האָבן די שכנותדיקע פעלקער אָפט פאַרשטאַנען גוט אויסצונוצן פאַר זייערע אייגענע אינטערעסן. זיי זיינען אָפט באַפאַלן דאָס לאַנד, געראַבעוועט און געמאָרדעט, און אונטערדריקט די פרייע, אומאָפּהענגיקע שבטים. די שווערד האָט פאַרלענדט פון אינעווייניק און פון דרויסן, אַן אָפּהענטיקייט און אַן אימה האָט אַלעמען באַהערשט. עס איז געווען אַ גרויסע עת־צרה פאַרן פאָלק.

אין אַזאַ שווערער צייט האָט זיך תמיד געפלעגט צו באַווייזן אַ פאָלקס־העלד, אַ גבור־חיל, דרייסט און מוטיק, וואָס האָט געשטאַמט פונם סאַמע יאָדער־דיקן פאָלק, און זיך אָנגענומען פאַר זיין פאַרשוועכטן כבוד. אין זיין האַרץ האָט

געברענט אַ פייער פון נקמה, וואָס האָט צעצונדן די הערצער פון זיין שבט און אויפגעהויבן דעם פאַקל פון קאַמף קעגן דעם שונא. ער האָט אַרום זיך פאַרזאַמלט אַ מחנה פון פאַרביטערטע, העלדישע מענטשן, וואָס קיין זאַך איז פאַר זיי נישט געווען טייערער, ווי די אייגענע פרייהייט. זיי זיינען געווען גרייט אויף די גרעסטע קרבנות. מיט אַ גבורהדיקער עקשנות האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דעם שונא און זיינען נישט אָפּגעשטאַנען, ביז עס איז זיי אָפּגעגליקט אים צו פאַרטרייבן און דאָס לאַנד צו באַפרייען.

זיינען אָט די פירערס פון דעם העלדישן קאַמף געבליבן אַ צייט לאַנג די לעגיטימע הערשער פון זייער שבט אָדער פון אַ גרופּע שבטים, וואָס האָבן זיך געהאַט אונטער זיין אָנפירונג פאַרבונדן צום קאַמף קעגן דעם פרעמדן באַדריקער. זייער טיטול איז געווען ריכטער, שופטים. זיי האָבן געמשפּט דאָס פאָלק אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן געלעבט. עס איז בעצם געווען אַ דעמאָקראַטישע אינסטיטוציע. זייער אַמט איז נישט אַריבערגעגאַנגען בירושה צו זייערע קינדער. מיט זיין טויט האָט די אינסטיטוציע פונם שופט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, ביז עס האָט זיך אָנגערוקט אַ נייע סכנה, אַ פרישע עת־צרה און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער פירער, וואָס איז געוואָרן דער אינסטרומענט פון קאַמף און נצחון קעגן די שונאים פון זיין פאָלק.

* *

אין אַזאַ צייט און ביי אַזעלכע פאַרהעלטנישן איז אויף דער פּאָליטישער אַרענע אַרויפגעשוואומען די פירער־פיגור פון גדעון־ירובעל, פון דער משפחה אביעזר.

אויף די שבטים, וואָס האָבן געלעבט אינם האַרצן פון לאַנד כנען, בעיקר דער שבט מנשה, האָט זיך דעמאָלט אָנגערוקט אַ גרויסע סכנה. פון דעם ראַנד פון דער מדבר האָבן זיך אין אָנהויב פונם 11־טן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייט, אַ וואָרף געטון גרויסע מחנות בעדואינער אויף דעם קולטור־לאַנד פון די ישראל־שבטים. רייכע פעלדער, אַ זאַטע בעל־הבתישקייט האָט שוין פון תמיד אָנגעצויגן דעם מדבר־מענטש. מחנות־וויז האָבן זיי זיך אַריינגעריסן און פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט זייערע מענטשן און אויסגעהונגערטע סטאַדעס בהמות. דאָס מאָל זיינען עס געווען די מדיינים און די מענער פון עמלק מיט די קינדער פון מזרח, וואָס האָבן זיך כסדר, זיבן יאָר נאָכאַנאַנד, אַריינגעריסן אין די פרוכפּערדיקע טעלער פון לאַנד און אָנגעשפּאַרט העט ווייט אין דרום, ביז קיין עזה. ווי אַ כמאַרע היישעריקן האָבן זיי באַדעקט די שיין פון לאַנד, גערויבט און צושטערט, און נאָך זיך איבערגעלאָזט אַ פאַרוויסטונג. זייערע אָנפאַלן פלעגן אָט די זין פון דער מדבר אויספירן אין דער צייט פון שניט, ווען דער פויער אויף דער סאָכע דערוואַרט מיט אַ שטילן ציטער אינם האַרץ די ברכה פון הימל און ברויט צו דער זעט. דעמאָלט זיינען אָט די ווילדע מדבר־באַוווינער אָנגעקומען מחנות־וויז אויף זייערע שנעלע קעמלען פון מזרח און באַפאַלן דאָס לאַנד. זייערע סטאַדעס קעמלען האָבן אויפגעפרעסן אָדער צוטרעטן די שטייענדיקע תבואה אין די פעלדער. דאָס קאָרן, וואָס די יידישע



פויערים האָבן שוין געהאַט געדראָשן, צוזאַמען מיט זייערע שאָף און בהמות, האָבן די פרעמדע בעדואינער צוגענומען און אַוועק. קעגן אַזאַ באַוואָפנטע, שנעל־באַוועגלעכע רויבער־מחנה, האָט זיך דער יידישער פויער, איינגעזעסן און שווער־באַוועגלעך, נישט געקענט אַזוי לייכט אַנטקעגנשטעלן. איז מען טאַקע אַנטלאָפן פון די דערפער און פעלדער אין די אַרומיקע בערג, זיך אויסבאַהאַלטן אין די היילן און לעכער, כדי פשוט דאָס נאַקעטע חיות צו ראַטעווען. די רוצחישע בעדואינער האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי געגרייטע טישן. זיי האָבן געשניטן, וואָס אַנדערע האָבן געזייט. זיי זיינען ווידער אַזוי גיך פאַרשוווּנדן, ווי זיי זיינען געקומען, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ צעשטערונג און פאַרוויסטונג.

מיט זיין כאַראַקטעריסטישן צמצומדיקן עפּיקער־סטיל, פירט אונז דער תנ״כישער דערציילער פון שופטים קאַפּ. ו׳ אַריין אין די געשעענישן פון יענער צייט. ער איז קורץ, פאַקטיש און זאַכלעך. ער פאַרלירט נישט קיין איבעריק וואָרט, כדי אַרויסצואַרבעטן דעם דראַמאַטישן עלעמענט פון דער געשאַפענער לאַגע. די שפּאַנונג פילט מען נאָר אַרויס פון צווישן די שורות. ער רעדט גיכער מיט אַ רמז, מיט אַ זשעסט ווי מיטן וואָרט. ער פאַרמאָגט נאָך דעם אַלטן אָפּשיי פאַרן אַרויסגערעדטן וואָרט. דערפאַר טאַקע פאַרמאָגט די דערציילונג דעם באַזונדערן חן פון די אַלטע עפּישע תנ״ך־דערציילונגען.

אַזוי דערציילט אונז דער פּסוק מיט זיין עפּישער געלאַסנקייט און מיט געמאָסטענע ווערטער אויך די גבורות פון גדעונען און זיין קאַמף פאַר באַפרייאונג, וואָס ער האָט געפירט. די לאַגע ווערט אונז קלאָר מיטן ערשטן פּסוק, וואָס זאָגט אונז אָן, אַז די האַנט פון מדין איז געלעגן האַרט אויף ישראל (ו׳, ב׳). „האָט ישראל געהאַט געזייט, אַזוי פלעגט אַרויפגיין מדין און עמלק און די קינדער פון מזרח . . . און פאַרוויסט די תבואה פון לאַנד . . . און זיי פלעגן נישט איבערלאָזן קיין דערנערונג אין ישראל, צומאָל אַ שעפּס, אָדער אַן אָקס, אָדער אַן אייזל . . . און ישראל איז זער פאַראָרעמט געוואָרן פון וועגן מדין“ . . .

אַזוי ווייט גייט דער אַריינפיר צום סיפּור־המעשה. עס איז דער פּראָלאָג צו דער אייגנטלעכער דראַמע, וואָס נעמט זיך גיך פונאַנדערוויקלען אונטער די געשיקטע הענט פונם דערציילער. מיר קומען צו צום ערשטן אַקט, וואָלט איך געזאָגט, פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג, וואָס איז, נישט געקוקט אויף דעם שפּאָרעוודיקן און איינגעהאַלטענעם סטיל, פול מיט טראַגישער באַוועגונג.

די לאַגע אינם האַרץ פון לאַנד איז אַ שווערע. עס איז ווידער אַמאָל די צייט פון שניט. אַן אומרו און אַ מורא־געפיל באַהערשט אַלעמען. אויף די רייכע פעלדער פונם עמק יזרעאל שטייען די רייפע, פולע זאַנגען און וואַרטן אויף די שניטער. דער יידישער פויער וואַרט שוין מיט אומגעדולד, נאָך אַ שווערן, הונגעריקן ווינטער, אויף דעם ביסן ברויט, וואָס ער וועט אַראָפּנעמען פון זיינע פעלדער, פאַר זיך און פאַר זיינע בהמות. דאָס לעצטע יאָר האָט מען געהונגערט. ווי וועט עס זיין היי־יאָר ? וועט מען זוכה זיין צו אַ ברכה פון הימל און קענען באַצייטנס אַראָפּנעמען דאָס ביסל קאָרן פון פעלד, איידער די משחיתים פון דער מדבר וועלן אָנקומען ? עס איז אַ שטימונג פון האָפענונגסלאָזיקייט און פאַר־

צווייפלונג. עס דראָט ווידער אַמאָל הונגער און פאַרוויסטונג.

אָט די סאָרט געדאַנקען האָבן מסתמא אויך באַשעפטיקט די איינוווינער פון דעם שטעטל עפרה, וואָס איז געלעגן אין מנשה און געווען דער וווינאָרט פון דער אָנגעזעענער משפחה אביעזר. דער אַלטער יואש אביעזר האָט באַלאַנגט צו אַ משפחה פון אַלט־איינגעזעסענע פויערים, וואָס זיינען געווען פעסט איינגעפונדעוועט אין זייער באָדן, אים זאָרגעוודיק באַאַרבעט און דערפון געצויגן זייער חיונה. אָרעם זיינען זיי נישט געווען, אָבער קיין גרויס עשירות האָבן זיי מסתמא אויך נישט געהאַט. עס איז געווען אַ בעל־הבתישקייט, וואָס האָט געגעבן ברויט צו דער זעט פאַר די מענטשן און זייערע בהמות. זיינען אָבער אָנגעקומען שווערע צייטן פון מהומות און גזילות, איז מען געשטאַנען ראַטלאָז און נישט געוווסט וואָס צו טון.

די שליחות

עס איז דער ערשטער אַקט פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג, די שליחות פון גדעונען, דעם זון פון יואש. דער טאַטע יואש, דער אביעזר האָט צוגעטראַכט אַ פאַרטל. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז די מדין־באַנדיטן זאָלן קומען צום גרייטן און ביי אים צונעמען דאָס לעצטע פון זיין פראַצע. ער איז שוין אַזוי אויך זער פאַראָרעמט. זאָל מען נאָך ביי אים צונעמען דעם לעצטן ביסן ברויט? ער האַנדלט גיך. שנעל נעמט ער אַראָפ די תבואה פון פעלד, בעת זי איז קוים רייף. זיין זון גדעון נעמט זיך דרעשן נאָך איידער דער שונא האָט באַוויזן אָנצופאַלן אויפן לאַנד. ער דרעשט אין אַ באַהעלטעניש, אינם קעלטער.

דער שטאָף איז אָנגעלאָדן מיט דראַמע. מיר הערן זיך איין, מיר ווערן מיט אַמאָל אויפמערקזאַמער, דער אינטערעס אין דער דערציילונג וואַקסט. הגם נישט בולט פון דעם דערציילער באַטאָנט, הערן מיר, ווי די פאַסצינירטע צוהערער פרעגן זיך: וואָס, אין קעלטער דרעשט מען גאָר די תבואה? יאָ, איז מסתמא געווען דער ענטפער פונם דערציילער; אינם קעלטער, ווו מען טרעט געווינטלעך די טרויבן, האָט גדעון געדראָשן זיין תבואה. ער האָט דערביי געהאַט אַ כוונה, ער איז נישט געווען קיין נאַר. ער האָט אַזוי אַרום געטראַכט אויסצובאַהאַלטן דאָס ביסל ווייצן פון דעם שונא. אפילו די כיטרע מדינים וואָלטן נישט גענומען זוכן תבואות אַנדערש ווי אין אַ שייער. די משפחה איז איצט אפנים אַזוי פאַראָרעמט, אַז מען האָט אפילו נישט קיין בהמה צום דרעשן. תבואה איז מסתמא אויך נישט געווען קיין סך, אַזוי קלאַפט גדעון דעם ווייץ אויף אַ פרימיטיוון אופן, מיט אַ שטעקן. זאָל דאָס בעסער קיינעמען נישט אויפפאַלן. ער וויל אַריינכאַפן, וואָס נאָר ער קען.

די סצענע האָבן מיר זיך אפשר גאָר אויסצומאָלן אין אַ וויינגאָרטן, ווייט פון די תבואה־פעלדער, אויפן רוקן פון די אַרומיקע בערג, ווו די טרויבן האָבן געוואַקסן און עס איז געשטאַנען דער קעלטער. דערנעבן איז געשטאַנען אַן אלה, אַן אַלטער אייכנבוים. עס איז געווען דאָס אייגנס פון יואש דעם אביעזר. גדעון זיין זון איז מוטיק. דער פסוק זאָגט אויף אים עדות, אַז ער איז געווען אַ העלדישער מענטש, אומדערשראָקן און דרייסט. שטייענדיק אַזוי אינם קעלטער



ביים דרעשן פון ווייץ אין דער שטילקייט פון טאָג, האָט ער אפשר גאָר געטראַכט וועגן דעם ביטערן מצב פון לאַנד און וואָס אַזוינס מען וואָלט געדאַרפט טון. ווער ווייס, וויל אונז דער תנ״כישער דערציילער געבן אַן אָנצוהערעניש, וואָס האָט זיך בשעת מעשה אָפגעשפילט אין זיין האַרץ. אפשר זענען עס געווען טיף־עגבערנדיקע יאוש־געדאַנקען איבערן גורל פון זיין פאָלק: הלמאי האָט גאָט פאַרלאָזט זיינע קינדער און זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון די מדיינים. אָדער האָט אפשר גאָר ביי אים אויפגעבליצט דער געדאַנק פון נקמה־נעמען אין די שונאים פון זיין פאָלק, בשעת ער האָט געקלאַפט ווי צום טאַקט מיט דעם שטעקן איבער די פולע קעפלעך פון די זאַנגען און עס זענען אַרויסגעפאַלן גילדענע, רייפע קערנדלעך ווייצן, וואָס האָבן צוגעזאָגט אַ שטיקל ברויט צו דער זעט?

וועגן דעם אַלעם שווייגט אָבער דער דערציילער צניעותדיק. זיין אויפגאַבע איז נישט מאריך צו זיין. אדרבא, דער מענטש אין דער אַלטער צייט רעדט מער מיט סימבאָלן און זשעסטן אַלס מיט ווערטער. פאַר דעם אַרויסגעזאָגטן וואָרט פילט מען נאָך אַ שטאַרקן אָפשיי. האַנדלונג מיינט אַלץ, באַשרייבונג, שילדערונג — גאָרנישט. אויף אַזאַ אופן באַהאַנדלט אויך אונזער דערציילער זיין דראַמאַטישן שטאָף. עפעס אַזוי ווי כלאחר יד, ווי נישט דאָס איז ער אויסן, עפנט ער פאַר אונז אַ זייטיקע טיר: אין איר דערשיינט אַ פערזאָן, וואָס קאָנצענטרירט מיט אַמאָל אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף זיך. ווער איז דאָס געווען? סתם אַ פרעמדער, אַ וואַנדערער פון ווייטע מקומות, אָדער גאָר, ווי דער פסוק גיט צו, אַ מלאך פון גאָט? די פערזאָן אינטריגירט. דער מענטש פון דער אַנטיקער צייט האָט בעצם ליב דאָס פאַרהוילענע, דאָס סודותדיקע: עס העלפט אונטערשטרייכן די ערנסטקייט פון די געשעענישן. וויל אונז דער דערציילער אין זיין פאָלקסטימלעכן, ביז גאָר לעבעדיקן סטיל מאָלן די סיטואַציע אין איר גאַנצער דראַמאַטישקייט, אַזוי באַווייזט ער אונז ווי גדעון שטייט אינם קעלטער פון זיין פאָטער ביים דרעשן, אפשר גאָר פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע רעיונות, און אָט באַמערקט ער אַ פרעמדן, וואָס האָט זיך אַנידערגעזעצט אָפרוען אונטער דעם בוים. זעט זיך אויס אַ מידער וואַנדערער, וואָס קומט פון ווייטע מקומות. אָבער לויט אַלע זיינע אַטריבוטן, איז דאָס עפעס מער ווי אַ מענטש, גאָר אַ שטיק הימלדיק וועזן. דער סוד ווערט אַלץ טיפער, פאַרהוילענער. דער פרעמדער באַגריסט גדעונען מיט די ווערטער: גאָט מיט דיר, העלדישער גבור! גדעון חידושט זיך: זעט ער ריכטיק, הערט ער ריכטיק? מיינט דאָס דער פרעמדער אים, דעם באַשיידענעם יונג אינם פאָטערס קעלטער, מיט דעם „גבור חיל״? האָט יענער אים צוגעטראָפן אין זיינע ביטערע מחשבות?

גדעונס האַרץ איז שווער. ער איז מלא סתירות, פיין און ספקות. מיט אַ געפיל פון ביטערקייט פרעגט ער דעם פרעמדן (און וויפיל דורות פאַר אים און נאָך אים האָבן איבערגעחזרט די דאָזיקע האַרבע, ביטערע טענה?): „ויש ה׳ עמנו ולמה מצאתנו כל זאת״? אויב גאָט איז מיט אונז, טאָ פאַרוואָס האָט אונז דאָס אַלץ געטראָפן? פאַרוואָס האָט ער אונז פאַרלאָזט און איבערגעענטפערט

אין די הענט פון די מדיינים ? (ו׳, י״ג). איז דאָס אַ טענה, וואָס קומט פון אַ טיף אומרואיק האַרץ, וואָס בריט אונז נאָך היינט מיט איר שאַרפקייט און שווערן יאוש !

דער מענטש שטייט פנים אל פנים מיט זיך, גאַנץ אַליין, מיט זיין שאַרפן, אינעווייניקסטן קריזיס. ער איז אויפגעציטערט. דער באָדן פון אונטער זיינע פיס ברעכט זיך איין. ער ווייס נישט קיין ענטפער, ער ווייס נישט פון וואַנען צו שעפּן נייעם מוט, פרישע כוחות, כדי צו קענען ווייטער אָנגיין אינם לעבן. עס איז דער קריזיס פונם יחיד, וואָס וואַרפט אַ העל ליכט אויף די שטימונגען פון ציבור. אָבער דווקא אין יענער גורלדיקער שעה פון מענטשלעכן לעבן, פאַרנעמט ער אַ שטים, וואָס קומט אייגנטלעך גאָר פון דרויסן, דוכט זיך פונם מויל פון דעם פרעמדן וואַנדערער, און אָט איז דאָס גאָר פון אינעווייניק, פון זיין מענטשלעכן ממעמקים. עס איז אַ שטים, אַ ווייכע אָבער באַגלייך אַ פעסטע, פול מיט פאָטערלעכער זאָרגעוודיקייט און ליבשאַפט. זי מונטערט אויף און צינדט האָפנונגען, זי פאָדערט און געביט. עס איז די געטלעכע שליחות צו דעם אומבאַקאַנטן העלד: „גיי מיט דיין דאָזיקן כוח, און זאָלסט העלפן ישראל פון דער האַנט פון מדין ; פאַרוואָר, איך האָב דיך געשיקט !" אָבער ווער איז ער, וואָס זאָל אויף זיך נעמען אַזאַ שווערע און אחריותדיקע שליחות, וואָס גאָט האָט אויף אים אָקאָרשט אַרויפגעלייגט. ווייס ער דאָך ווי מאַכטלאָז מען איז און ווי האָפנונגסלאָז עס איז די לאַגע. מיט וואָס קען ער, דער אומבאַהאַוונטער, דער יינגסטער אין דער משפחה, גיין און העלפן דעם פאָלק ? האָט שוין נישט אַמאָל משה, דער גרויסער מנהיג און פאָטער פון די נביאים, גערעדט ענלעכע ווערטער צו גאָט ? האָט טאַקע גדעון מורא פאַר דער שליחות. בעט ער זיך אין זיינע רייד: „בי אדני במה אושיע את ישראל ?" ... מיט וואָס קען איך העלפן ישראל ? זע, מיין משפחה איז די אָרימסטע אין מנשה, און איך בין דער מינדסטער אין מיין פאָטערס הויז (ו׳, ט״ו). דער געטלעכער אימפּעראַטיוו איז אָבער שטאַרקער פון אַלע מענטשלעכע צווייפלען. ער באַזיגט זיי אין אים, און גיט אים צו פרישן מוט צום האַנדלען (ו׳, ט״ז): „און גאָט האָט צו אים געזאָגט: אָבער איך וועל זיין מיט דיר, און וועסט שלאָגן מדין אַזוי ווי איין מאַן !" דער מנהיג ווערט געבוירן.

נישט לייכט נעמט אויף זיך דער נייער מנהיג זיין שליחות. גדעון איז אַלץ נאָך נישט זיכער ביי זיך. האָט דאָס טאַקע גאָט מיט אים גערעדט, אָדער איז עס פאָרט נאָר אַ מענטש ? בעט ער אַ צייכן. אויך זיין גרויסער פאָרגייער האָט געבעטן ביי גאָט אַ צייכן. ער וויל אַבסאָלוטע זיכערקייט. אין וואָס זאָל אָבער באַשטיין דער צייכן ? דער עולם־צוהערער, וואָס שטייט אַרום דעם אַנטיקן דערציילער, וואַרט מיט שפּאַנונג אויף דעם סוף פון דער מעשה. וואָס וועט דאָ פּאַסירן, ווי אַזוי וועט דאָס הימלדיקע וועזן רעאַגירן אויף גדעונס בקשה. אָבער גדעון האָט נישט קיין באַהאַלטענע כוונות. ער וויל דעם פרעמדן אויפוואַרטן מיט אַ מאָלצייט. בעט ער זיך ביי אים, אַז ער זאָל זיך נישט אָפּטון פון דאַנען, ביז ער וועט אים אַרויסטראָגן זיין געשאַנק, אַ ביסל כיבוד. דער פרעמדער זאָגט



זיך ניט אָפּ. אדרבא, ער וועט בלייבן און וואַרטן ביז גדעון וועט צוגרייטן שפּייז.

וואָס איז דאָ זיך צו וווּנדערן ? די אַנטיקע פאָלקס־פאָרשטעלונג האָט דאָך געגלויבט, אַז אויך געטלעכע וועזן נויטיקן זיך אין שפּייז. איז עס אָבער אַ פּשוטער מענטשלעכער וואַנדערער, וויל גדעון אוודאי נישט, אַז ער זאָל אַוועק פון אים אַ הונגעריקער. אַזוי האָט פאַרלאַנגט די מידה פון הכנסת־אורחים שוין אין דער אַלטער צייט. אמת, די צייטן זענען שווערע, ברויט איז קנאַפּ, די מדבר־באַנדיטן האָבן אַלץ צוגענומען. אָבער פאַר אַזאַ וויכטיקן גאַסט טאָר פונדעסטוועגן גאָרנישט פעלן.

גדעון איז אַוועק אויף אַ ווייל. גיך שעכט ער אַ ציגנבעקל און באַקט אָפּ אַ פּאָר מצה־ברייטלעך. דאָס געזאָטענע פלייש האָט ער אַריינגעטון אין אַ קאָרב און די זופּ אין אַ טאָפּ, און דאָס אַלץ אַוועקגעשטעלט פאַר דעם פרעמדן, וואָס איז געזעסן אונטערן בוים און געוואַרט. עס איז געווען גאָר אַ פיינע סעודה, וויל אונז דער דערציילער לאָזן הערן, אַ סעודה ווערט פאַר אַזאַ הויכגעשטעלטן גאַסט. אָבער דער פרעמדער עסט נישט. איז דאָס אַ גרויסע איבערראַשונג פאַר די צוהערער. ער הייסט גאָר דאָס גאַנצע ביסל עסן אַוועקלייגן אויפן פעלז, וואָס גדעון האָט טאַקע אַזוי געטון. דעמאָלט, דערציילט אונז דער פאָלקסטימלעכער דיכטער (ו׳, כ״א), האָט דער מלאך פון גאָט (און אַזעלכער איז דאָך דער פרעמדער געווען) „אויסגעשטרעקט דעם שפּיץ פון שטעקן וואָס אין זיין האַנט, און אָנגערירט דאָס פלייש און די אומגעזייערטע קוכנס ; און אַ פייער איז אויפגעגאַנגען פון דעם פעלז" און האָט דאָס אַלץ פאַרצערט. צוזאַמען מיט די פלאַמען איז אויך דער מלאך פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן.

דאָס איז געווען אַ נס און באַגלייך אַ קלאָרע באַשטעטיקונג פאַר גדעונען, אַז נישט אַ מענטש, נאָר טאַקע אַ מלאך פון גאָט האָט מיט אים גערעדט. מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַן אינטערעסאַנטן רעליגיעז־געשיכטלעכן מאָטיוו, וואָס חזרט זיך אָפּט איבער ביי אַ סך אַנדערע רעליגיעס. פאַר גדעונען איז דאָס געווען אַ קלאָרער צייכן פאַר זיין שליחות. אַלס אַ דאַנק־אויסדרוק דערפאַר, וואָס גאָט האָט זיך צו אים באַוויזן, האָט גדעון באַלד אויף דעם אָרט געבויט אַ מזבח, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „ה׳ שלום", וואָס, גיט דער פּסוק צו, געפינט זיך נאָך עד היום אין עפרה פון די אביעזרס.

אגב וויל אונז דער פאָלקסטימלעכער דערציילער אויך לאָזן הערן אַ שיינעם מוסר־השכל: אָט זעט, דווקא גדעון, דער יינגסטער פון די זין פון יואשן, פון דער געריגנסטער משפחה אין מנשה, ווערט אויסגעקליבן פון גאָט צו דערפילן אַ גרויסע היסטאָרישע שליחות. עס איז אַ באַקאַנטער מאָטיוו אינם אינטערנאַציאָנאַלן פאָלקלאָר. אַמאָל איז עס גאָר אַ בעטלער, וואָס ווערט אַ קיניג. על־פּי־רוב אָבער איז עס דער יינגסטער פון צווישן די קינדער, אָפּט דער קלענסטער און שוואַכסטער, וואָס דער גורל באַשטימט אים צו טון גרויסע מעשים. אַזוי האָט אויך אַמאָל פּאַסירט מיט שאולן און שפּעטער מיט דודן. היינט איז עס געווען גדעון, דער זון פון יואש, דעם אביעזר, וואָס האָט געשטאַמט פון שטעטל עפרה אין מנשה.

(סוף קומט)

ד״ר ז. פּ. פינקעלסטיין

# אַ חלום פון ווייטשעפּל

## אַ קאַפּיטל זכרונות

כ׳בין געקומען קיין לאָנדאָן אין סאַמע ברען פון דער „קאָראָניישאָן־צייט“, נאָכן טויט פונם קעניג עדוואַרד און דער נאָכפאָלגערשאַפט פון קעניג דזשאָרדזש V. פּוילישע צייטונגען האָבן דווקא מיך, אַ יונגען רעפּאָרטער פון לעמבערג, אויסגעקליבן צו שרייבן איבער מיינע איינדרוקן אין דער דאָזיקער צייט פון דער קרוינונג. כ׳האָב אַביסל פאַרשטאַנען ענגליש, אָבער איינגע־שטאַנען בין איך אין אַ מין אכסניה אין דער קאָמערשל רויד. מען האָט מיר שוין אין לעמבערג געזאָגט, אַז אין ווייטשעפּל באַדאַרף איך מיר אין די ערשטע וואָכן ניט צו קאַליעטשן מיין צונג מיט דעם ענגלישן לשון. און באמת האָב איך מיך דאָ געפילט ווי אין דער היים. צענדליקע יאָרן אַוועק ווי אַ חלום, אָבער כ׳געדענק נאָך גאַנץ גוט דעם ערשטן איינדרוק, ווי כ׳האָב אויף דער עק פון קאָמערשל רויד אַ פרעג געטון אַ גאָר הויכן פּאָליסמאַן וועגן דעם וועג צו דער „סיטי“. כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, גערעדט צו אים אין מיין צעבראָכן ענגליש. פּלוצים רייס איך אויף מיינע אויערן און הער ווי דער ענגלישער פּאָליסמאַן ענטפערט מיר אין מיין מאַמע־לשון. בין איך אין לאָנדאָן אָדער חלומט זיך דאָס מיר? בקיצור דער פּאָליסמאַן האָט פאַרשטאַנען פון מיין ענגליש אַז איך רעד יידיש און האָט מיר טאַקע געענטפערט אין דעם זעלבן מאַמע־לשון.

די ערשטע וואָכן בין איך אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן פון ווייטשעפּל ווי אויפן עולם התוהו. געוואַלד, האָט זיך מיר געדאַכט, אַ גאָר יידיש שטעטל אין דער לאָנדאָנער שטאָט פון מיליאָנען. מ׳הערט אויף שריט און טריט נאָר יידיש. די אויפשריפטן אויף די געשעפטן זענען יידיש, פּלאַקאַטן אין יידיש, טעאַטערס יידיש, צייטונגען יידיש — אַ מאָדנע וועלט, פאַרפּלאַנצט פון מיין אייגן שטעטל לעמבערג.

באַלד האָב איך מיך באַקענט מיט מאָריס מייער. געטראָפן האָב איך אים, פאַרטאָרעט און פאַרסאָפּעט אין זיין דרוקעריי. זיין צייטונג, אַ טאָג־בלאַט, איז פאַרשפּרייט געווען אין ווייטשעפּל מער ווי אַלע ענגלישע בלעטער צוזאַמען, און אַזוי ווי מען האָט אין מיין לעמבערג פרייטאָג געוואַרט אויף די שבת־נומער פונם לעמבערגער טאָגבלאַט, אָדער אין וואַרשע אויף דעם „היינט“, אַזוי האָבן די יידן פון ווייטשעפּל געלעקט די פינגער פון די ליטעראַרישע אַרטיקלען פון ברענער, אשרביילין און אויך גאָלדבלום און דעם גאָר יונגן סאָכאַטשעווסקי.

מאָריס מייער האָט קיין מאָל קיין צייט ניט געהאַט; געלעזן דעם בריף פון דעם באַרימטן שריפטשטעלער משה קליינמאַן פון לעמבערג, אַ מאַך געטון מיטן פינגער און זיך אויפגעשריבן מיין נאָמען און אַדרעס. געקומען בין איך קיין לאָנדאָן כמעט נקי! די פּוילישע צייטונגען האָבן מיר נאָר באַצאָלט די נסיעה — פאַרן רעשט זאָל זיך גאָט זאָרגן.



און גאָט האָט טאַקע געזאָרגט מיט אַ מין נס מן השמים.

געקומען שפּעט אַהיים, אָפּגעמוטשעט פונם גאַנצן טאָג שפּאַנען איבער די גאַסן פון דעם לאָנדאָנער תהום, טרעף איך אַן ענגליש בריוול פון אַ מיסטער סטאַניסלאַוו וואָרמס, האָפקאַפּעלמייסטער אין בוקינגהאַם פּעלעס, מיט אַן איינ־לאַדונג אים צו באַזוכן. קאַפּעלמייסטער, טראַכט איך מיר, וואָסער שייכות האָב איך מיט מוזיק?! אָט האָב איך אַמאָל מיך אָפּגעפּלאָגט איידער כ׳האָב אויסגעלערנט אַ פּאָר יידישע ניגונים אויף אַ פידל — וואָס קאָן דאָס זיין? מילא, אַ גאַנצע נאַכט מיך געוואָרפן אויפן געלעגער, און אין דער פרי מיך אויס־געפּוצט אין די נייע מלבושים, וואָס כ׳האָב מיטבאַקומען פון מיין טאַטע־מאַמען און אַ שפּאַן געגעבן צו דעם נעכסטן פּאָליסמאַן. דאָס מאָל האָב איך טאַקע געפרעגט אויף יידיש, ווי קומט מען דאָ צו דעם קאַמדען סקווער, דעם אַדרעס פונם געהיימניספולן בריוו־שרייבער, וואָס האָט מיך צו זיך איינגע־לאַדן. אַ שעה לאַנג געזעסן מיט האַרץ־קלאַפּעניש אין דעם „באַס“ גאָר הויך אויבן ביז כ׳בין גראָד אָנגעקומען צום הויז פון דעם האָף־קאַפּעלמייסטער.

מקבל־פּנים האָט מיך קודם־כל געווען אַ הויכער עכטער דזשענטעלמאַן וועלכן כ׳האָב קוים פאַרשטאַנען. איבערגעגעבן די איינלאַדונג און דערווייל געוואַרט אין אַ הערלעך פאַרפּוצטער האָל מיט פּראַכטפולע בילדער און טעפּיכער. מענטשן קומען און גייען כסדר ווי אין אַ פאַבריק, באַפּאַקט מיט כל־ערליי כלי־זמר. מען קוקט מיך אַפילו נישט אָן און מען איילט זיך ווי צו אַ קאָנצערט. פון דער ווייטנס הער איך טאַקע אַ מין קלאַפּעריי און שפּילעריי פון פידלען און טרומייטערס און איך פאַרשטיי אַז דאָ פּראָבירט דער האָף־קאַפּעלמייסטער אויס זיין אָרקעסטער. אַ יידישער יינגל און אַ געבוירענער מזיק פון אַ רעפּאָרטער פאַרשטייט דאָך תיכף ווו דער פּעפער וואַקסט.

באַלד אָבער רייסט מיך אַרויס פון מיינע געדאַנקען אַ הויכער, ברייטער מאָן מיט אַ שמיציק אין דער האַנט און באַגריסט מיך טאַקע אויף יידיש; ער האָט קיין צייט נישט, איז זער באַשעפטיקט און דערווייל זעצט ער זיך צו מיר צו און הייבט אָן אַ גאָר מאָדנע דערציילונג וועגן קרובים אין לעמבערג, קאָ־לאָמעא און אַ פּאָר אַנדערע שטעט אין גאַליציע. ער איז שוין צענדליקע יאָרן אין לאָנדאָן, אָבער מאַמע־לשון איז ביי אים נאָך הייליק און ער קאָרעספּאָנ־דירט נאָך מיט כל׳ערליי פריינט און קרובים אין גאַליציע אין יידיש. אַצינד איז אָבער „קאָראָניישאָן־צייט“, קומט ער ניט דערצו אַלע בריף צו לעזן און צו ענטפערן. ס׳זענען שוין אויפגעזאַמלט אַן ערך פון 130 בריף און דערווייל מוז ער נישט נאָר ענטפערן, נאָר שיקן געלט און נדבות צו די פאַרשידענע בריוו־שרייבער. ער האַלט שטאַרק פון „צדקה תציל ממות“ און וויל דאָס אויספירן, ווייל אויך אים, דעם אָרים פּויליש יינגל, האָט מען צו זיין קאַריי־ערע מיט צדקות אויסגעהאָלפן.

בקיצור, ער האָט זיך אין דעם ענין געווענדט צו דעם באַקאַנטן יידישן רעדאַקטאָר, מר. מאָריס מייער, און ער האָט אים אָנגעגעבן דעם אַדרעס

פון דעם פּוילישן רעפּאָרטער וואָס איז גראַד אָנגעקומען פון לעמבערג, גראַד דער שטאָט, וווּ ער איז אַליין אויפגעוואַקסן. דווקא מיין לעמבערגער יחוס האָט אים אַממייסטן געצויגן און זיין פאָרשלאָג איז פּשוט: איך זאָל איבערנעמען די גאַנצע בריוו־שרייבעריי אין משך פון דריי חדשים. זיין סעקרעטאַר וועט מיט מיר אַלץ איבערשמועסן און וועגן צדקה־געלט זאָל מען, ברוך־השם, ניט שפּאָרן. גאָט האָט אים געהאָלפן, אַזוי וויל ער אויך אַנדערע העלפן.

באמת אַ נס מן השמים! געלעבט אין אַ עכט יידישע סביבה אין ווייטשעפּל און געשריבן יידישע בריוו יעדן טאָג פאַר דעם מר. וואורמס, דערוויל געלעבט ווי אַ מלך און געשפּאַנט ווי אין אַ חלום איבער די גאַסן פון לאָנדאָן, מיט די פּראַכטפולע טריבונען, דעקאָראַציעס און טריאומף־בויגן, די נעכט זענען געווען העל־באַלויכטן מיט די קינסטלעכע פייערן אויף דעם טראַפאַלגאַר־סקווער און הייד פּאַרק קאָרנער און די התלהבות פון די ענגלישע מאַסן האָט זיך אויסגעלעבט אין שמחה און שטאָלץ פון „רול בריטאַניע“.

געקומען די צייט פון די אייגענטלעכע פעסטלעכקייטן. דער מר. וואורמס האָט יעדן טאָג מיט זיין קאַפּעלע געשפּילט אי אין דעם בוקינגהאַם פּעלעס אי אין די פּאַלאַצן פון דער העכסטער ענגלישער אַריסטאָקראַטיע. אַ רעפּאָרטער איז דאָך אַ נייגעריקער בשר־ודם. אַזוי איז מיר איין מאָל איינגעפאַלן צו בעטן מיין קעניגלעכן קאַפּעלמייסטער ער זאָל מיך מיטנעמען מיט דער קאַפּעליע צום קעניגלעכן הויף. וכך הוה, כ׳האָב מיר געלאָזט מאַכן אַ פּאַסיקן אוניפאָרם, ווי אַלע מיטגלידער פון דער קאַפּעליע און מיטגעגאַנגען, ניין, מיטגעלאָפן איבעראַל, וווּ ס׳איז נאָר געווען אַ באַל אָדער פעסטלעכקייט. פאַרשטייט זיך אַז כ׳האָב שטרענג איינגעהאַלטן דעם באַדינג, וואָס מר. וואורמס האָט מיר געשטעלט: חס ושלום נישט אָנרירן איין כלי־זמר! איך מוז נאָר זיצן ווי אַ קלאָץ פאַר אַ גאָר ברייטער קעסלפּויק און האַלטן ווי אַ גולם דעם קלאָפּפער. געזעסן גאַנצע נעכט אויף אַ בימה. די מוזיק שפּילט פאַרשידענע לידער. אַרום און אַרום מיר טאַנצן קעניגע און פירשטן, ווי דער דאַמאָלטיקער דייטשער טראָן־פאָלגער, די האָלענדישע טראָן־פאָלגערין ווילהעלמינע. לאָרדס און פאַרטרעטער פון כל מיני מלוכות פון דער גאַנצער וועלט.

אַלץ געזען און פאַרשטייט זיך אַלץ באַשריבן. אינם הויז פון מר. וואורמס געבליבן ניט אַ דריי חדשים, נאָר טאַקע צוויי גאַנצע גליקלעכע יאָרן, די גליקלעכסטע פון מיין לעבן.

אַ מין מעשה פון טויזנט און איין נאַכט: אַ האָף־קאַפּעלמייסטער פון דעם בוקינגהאַם פּעלעס רעדט נאָך דעם מאַמע לשון, לאָזט שרייבן יידישע בריוו און אין דער וועלט־שטאָט לאָנדאָן קאָן מען לעבן און רעדן יידיש ווי אין אַ אמת יידיש שטעטל. 45 יאָרן ווי אַ ווייסטער חלום; אַוועק צוויי וועלט מלחמות, דריי מאָל געביטן מיין היים — געבליבן איז נאָר דער חלום פון ווייטשעפּל.



א. מייזעלס

## מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין ווייב שיינה שיינדל אין תל אביב

לזונתי היקרה הצנועה החכמה מרת שיינה־שיינדל שתחי׳.

ראשית באתי להודיעך, אַז איך בין ברוך השם בקו החיים והשלום. השם יתברך זאָל העלפן, מען זאָל תמיד הערכן איינס פונם אַנדערן נאָר גוטס מיט בשורות טובות ישועות ונחמות, אמן.

והשנית זיי וויסן, אַז איך בין די לעצטע וואָכן ניט מיט אַלעמען אין געזונט. מיין שותף מר. דייוויס זאָגט מיר, אַז עס איז גאָר נישט. עס קאָן זיין — זאָגט ער, — אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס איך עס נאָך אַלץ וואָס ס׳איז געבליבן פון דער חתונה . . . נו, לאַך איך פון אים, אַז בסך הכל זיינען ביי אונדז אַזעלכע קעלטן, אַז היינטיקן פּסח ביים „טל בענטשן“, וועט מען דאַרפן זאָגן „משיב הרוח ומוריד הגשם“, אָבער זאָרג ניט בכלל. ענגלאַנד איז אַ גאָלדענע מדינה, דאָ קען יעדער קרענקן אָן אַ קאָפּיקע געלד. פאַרקערט, די מלוכה צאָלט נאָך צו יעדן חולה. וווּ עס ליגט דער שכל, ווייס איך ניט. אָבער אַזוי איז דאָס און טאַקע דערפאַר האָב איך ניט קיין שום זאָרג, ס׳איז ממה נפשך, וועל איך זיין געזונט, וועל איך אם ירצה השם איצט גוט פאַרדינען, באַם חלילה איך וועל זיין קראַנק, גיי איך גלייך אין „יידישן האָספּיטאַל“ און די מלוכה וועט מיר דערפאַר באַצאָלן . . .

איצט זונתי היקרה, מאַך איך דיר באַקאַנט, אַז איך האַנדל מיט שידוכים און איך האָף, אַז דאָס מאָל וועל איך אם ירצה השם אויף געוויס באַגליקן. דו געדענקסט דאָך געוויס, אַז נאָכדעם איך האָב אויף דער יעהופּיצער בערזע — ניט היינט געדאַכט — אַלץ פאַרלוירן און דו האָסט מיר געשיקט אויף הוצאות איך זאָל אַהיים קומען, האָב איך זיך אויפן וועג צענויף געטראָפן אין וואַגאָן מיט ר׳ אשר דעם לאַנד שדכן און מיר האָבן געשלאָסן שותפות און דעם ערשטן שידוך וואָס מיר האָבן אויסגעפירט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ווען די מחותנים זיינען זיך „האַלבן־וועג“ צענויפגעפאָרן האָבן ביידע מחותנים געהאַט מיידלעך . . . זעסטו זונתי חיקרה, היינט קאָן זיך אַזאַ זאַך ניט טרעפן. היינט אַרבעט אַ שדכן מיט פאָטאָגראַפיעס. אָבער לאָמיך ניט כאַפּן איינס פאַרן אַנדערן.

אין מיין לעצטן בריוו, וועסטו דיך דערמאָנען, האָב איך דיר געשריבן, אַז איך האָב זיך באַגעגנט מיטן מר. היימי, דעם גרעסטן שדכן אין מלכות ענגלאַנד. מיר זיינען עטלעכע מאָל צוזאַמען געקומען, גערעדט, געשמועסט, געטענה׳ט. רופט ער זיך אָן צו מיר: מר. מנחם מענדל, מיט אייער שכל, מיט אייער כוח הדיבור, און מיט מיין נאָמען, וואָלטן מיר געקאָנט אַ וועלט איינלייגן. זאָג איך: — מר. היימי, באַם מיר וועלן איינלייגן די וועלט, וועלן מיר ניט האָבן ביי וועמען אַ שידוך אויסצופירן. אמת איז, איך וואָלט זער געוואָלט מיט אייך

שותפות, אָבער איך קאָן ניט איבערלאָזן מיין שותף מר. דייוויס, וועלכער האָט נאָך אַלץ די 25 פונט וואָס ער וויל אַריינלייגן . . .

הקיצור, ער האָט מיך פאַרבעטן אין זיין אָפיס (קאַנצעלאַריע) און איך בין ממש נבהל ומשתומם געוואָרן. ראשית האָט ער אַ וויסן טעלעפאָן, דו הערסט? אַ וויסן טעלעפאָן. דערנאָך ליגט אויפן טיש דאָס בריוו־פאַפּיר מיט די גאָלדענע אותיות אָנגעשריבן Matrimonial (אגב האָב איך שוין אויסגעפרעגט אַ וועלט, וואָס דאָס וואָרט מיינט, אַפילו די אַלע וואָס זיצן גאַנצע טעג אין „קאַפע לייאָנס“, לייענען בלויז ענגלישע „פייפערס“ (צייטונגען) און ניט קיין יידישע; ווייל זיי זאָגן, אַז זיי פאַרשטייען ניט, אַפילו זיי קענען מיר אויך ניט פאַרטייטשן דאָס וואָרט); אַ קרישטאָלענע פלאַש מיט וואַסער, אַ פודעלע ציגאַרן און על כולם, אַ בוך מיט פאָטאָגראַפיעס פון זכרים און נקבות. דו פאַרשטייסט ווי אַזוי אַ שדכן אַרבעט היינט? דאָ קאָן שוין ניט זיין קיין שום טעות . . .

הכלל, וואָס וועל איך דיר דאָ מאריך זיין, איך האָב גענומען מיין שותף מר. דייוויס און אים געזאָגט, אַז איך וויל נעמען אַן אָפיס אין ווייטשעפל. אָט דאָ איז מיין שותף אויפגעשפרונגען ווי אַן אָפגעבריטער. גאָט איז מיט אייך מנחם מענדל, — זאָגט ער, — אַן אָפיס אין ווייטשעפל? איר ווילט „קילן די ביזנעס אין די בעגינונג?“ (אַוועקהרג׳נען דאָס געשעפט). עס וועט דען אַריינקומען אַ לייטישער מענטש? וואָסזשע איר ווילט כ׳זאָל דעם קאָפ דערלייגן? איך זאָל אַרויס ווי נאָך אַ שריפה? און טאַקע באַלד איז ער צו צום טעלעפאָן, אַ דריי געטון דאָס רעדל אַמאָל זיבן צו זיין זון אין „גאָלדערס גרין“ און ער האָט אים באַלד געדונגען אַן אָפיס. אמת טאַקע, דער אָפיס איז געווען אין אַ קעלער, מען האָט געמוזט אַ גאַנצן טאָג ברענען דעם לאָמפ. אַ חוץ דעם האָט גערונען פון די ווענט, אָבער דאַרפסט ניט פאַרגעסן, אַז עס איז פאָרט גאָלדערס גרין און ניט ווייטשעפל . . .

דעם אַנדערן טאָג, בין איך גאַנץ פרי אַרויסגעפאָרן מיטן מר. דייוויס צו אונדזער נייעם אָפיס. דאָס ערשטע וואָס כ׳האָב דערזען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזוזה ביים אַריינגאַנג. דאָס הייסט אַ מזוזה איז יאָ דאָ, נאָר מען האָט זי אַראָפגענומען, האָסט געקאָנט זען דעם ריינעם פלאַץ ווו די מזוזה האָט געהאָנגען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עמיץ האָט זי בידים אַראָפגענומען.

בין איך באַלד געלאָפן, געקויפט אַ מזוזה און ווי איך שטיי אַזוי און שלאָג אָן די מזוזה, קומט אָן דער בעל הבית און נעמט מאַכן קולות. קוק איך אים אָן, דריי זיך אויס און קלאַפ ווייטער. לויפט ער צו אין איין כעס און וויל אַראָפרייסן די מזוזה, האָסטו געזאָלט זען ווי מיין שותף האָט זיך געגעבן צו אים אַ שטעל און אים דערלאַנגט אַ גאָב אַזוי ווי אין פסוק שטייט. פאַרשטייט זיך, אַז די גאַנצע מחלוקה איז געווען אין ענגליש און כ׳האָב ווייניק פאַרשטאַנען. נאָך דער מחלוקה, ווען דער בעל דבר איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מיר דער מר. דייוויס דערציילט, אַז ער קען דעם פאַרשוין זער גוט, פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ פרעסער אין אַ „פעקטאָרי“ (פאַבריק), געווען אַלע יאָרן אַ „לאָולייף“ (נחות דרגא), נאָר בשעתן מלחמה האָט ער געמאַכט אַ פאַרמעגן, האָט אויפגע־



הערט צו ריידן יידיש, אַנטלאָפן פון ווייטשעפל און איז געוואָרן ביי די קאָמוניסטן אַ גאַנצער מאַכער. דאָס הייסט קיין מאַכער איז ער נישט, עס קאָסט אים נאָר אַ סך געלט. מען רופט אים „פעלאו טרעוולער“ (נאָכלויפער) און ווען ער האָט געקויפט דאָס הויז, האָט ער אַראָפגענומען אַלע מזוזות, זיך נוקם געווען אין רבונו של עולם. אָט אַזעלכע פאַרשוינען זיינען אויך דאָ אין לאָנדאָן. ווי זאָגט די שוויגער „אין אַ טייך זיינען דאָ פאַרשידענע פיש“.

הקיצור, מיר זיינען אַריין אין אַ מזלדיקער שעה אין אונדזער אָפיס. זאָג איך צו מיין שותף, מר. דייוויס, ווי אַזוי וועט מען וויסן וואָס פאַר אַ ביזנעס מיר פירן? נאָך מיין שכל נאָך, פאַרשטיי איך, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אַרויסגעבן אַ שילד איבער דער טיר, ווער און וואָס מיר זיינען. נאָר אַזוי ווי מיר דאַרפן דערווייל שפאָרן מיט הוצאות, איז לכן זייט אַזוי גוט און קויפט עטלעכע גרויסע בויגן פאַפיר, וועל איך אַליין מיט גרויסע גע׳כתיבה׳טע אותיות אָנשרייבן אַ שילד. אַזוי ווי אָבער מיר ביידע קאָנען ניט קיין ענגליש, דאָס הייסט שרייבן, איז זייט אַזוי גוט, לאָזט אייך פון אַן אמתן ענגלענדער אויפשרייבן, אַז מיר האָבן דאָ אַן אָפיס פון שידוכים און, אַז מיר ״קעיטערן״ פאַר יונג און אַלט. נאָר למען השם פאַרגעסט ניט אויפצושרייבן דאָס דאָזיקע באַרימטע וואָרט, וואָס מיר ביידע מיט גאַנץ גאָלדערס גרין, ווייסן ניט וואָס דאָס מיינט.

מיין מר. דייוויס איז באַלד אַוועק, געבראַכט פאַפיר, פאַרב, אַ בערשטעלע און איך האָב זיך פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען נאָכמאָלן דאָס ענגלישע, אַקוראַט ווי ס׳איז מיר געווען פאַרגעשריבן. איך האָב אפשר הונדערט מאָל פאַרגלייכט יעדעס וואָרט אַזוי, אַז עס זאָל חלילה ניט זיין קיין טעות און ווען איך האָב דאָס געענדיקט, האָט זיך מיין שותף מר. דייוויס ממש צוויינט: אוי געוואַלט, — זאָגט ער, — אַ מענטש מיט אַזוי פיל מעלות, קאָן נאָכמאַכן אַפילו אַ פויגל וואָס פליט פאַרביי . . . אָט האָט ער, — זאָג איך, — אויסגעפונען אַ נייעס. איר זאָלט געווען זען מיינע שבועות רייזעלעך, אָדער מיינע חנוכה למד בית קוויטלעך, וואָלט איר ערשט דעמאָלט געזען ווער מנחם מענדל איז, נאָר ווי זאָגט מיין שוויגער: „פון די אַלע זאַכן איז נישטאָ קיין שבת צו מאַכן“. שכל איז שכל און מזל איז מזל. שכל איז ביי מנחם מענדל און געלד איז ביי ראָטשילד. נאָר לאָמיר די צייט ניט פאַרלירן און אַרויסהענגען די שילד.

געזאָגט און געטון, צוגעקלאַפט די גרויסע שילד און ביידע שטיין מיר און האָבן הנאה און מיר זען באַשיינפערלעך, אַז ווער עס גייט דורך, כאַפט אַ קוק און טוט אַ שמייכל. עס וועט זיין גוט — זאָג איך צו מיין שותף און מיר נעמען זיך אויסצופוצן דעם אָפיס. איך האָב אַפילו געוואָלט אויף די ווענט אויסהענגען מאמרים פון חז״ל, למשל „ארבעים יום קודם יצירת הולד“, בן שמונה עשרי לחופה“. וכדומה, האָט מיך מיין שותף אָפגעראָטן. אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. פלוצים הערן מיר פאַר אונדזער טיר געלעכטערס. קום אַרויס ווערט מיר ליכטיק אין די אויגן; אפשר דריי הונדערט מיידלעך, יינגלעך, ווייבלעך, להבדיל שיקסלעך און אַ געגראַגעריי און קולות און געלעכטערס עד לב השמים.

זאָג איך צו מיין שותף: —מר. דייוויס, עס וועט זיין גוט, מען וואָלט באַ־

דאַרפט צו נעמען עטלעכע מענטשן, זיי זאָלן אונדז אַרויסהעלפן אין די „ביזנעס”. מיר וועלן זיך אַליין אָן עין הרע ניט קאָנען קיין עצה געבן. דערווייל וואַקסט דער עולם פון מינוט צו מינוט, אַזוי אַז די באַסעס מוזן זיך אָפשטעלן און פלוצים דערהערט זיך אַ פייף און עס וואַקסן אויס פון אונטער דער ערד פאָליציי און מ׳נעמט פונאַנדער טרייבן דעם עולם. וואָרים וויסן מוזטו, אַז גאָר ניט האָט די פאָליציי אַזוי פיינט, ווי אָפשטעלן די באַסעס. דו זאָלסט זען אין אַ פאַרנאַכט, ווען די גאַסן זיינען פול מיט אויטאָמאָבילן און באַסעס, ווי די פאָליציי לויפן אַרום, אַרבעטן מיט די הענד, אַהער, אַהין. דעמאָלט איז דאָס לעבן ניט זיכער . . .

ווען די פאָליציי האָט שוין געהאַט צוטריבן דעם עולם, איז איינער צו צו מיר און פרעגט מיך עפעס. איך דריי זיך איבער צום שותף, אַז ער זאָל זיך אַדורכריידן מיטן פאָליציימאַן. ווו האָסטו אַ שותף? ער איז געוואָרן אַ האָז . . . איך וועל דיר לאַנג ניט מאריך זיין. מען האָט מיך מיטגענומען אויף דער פאָליציי און מיך געהאַלטן איבער דריי שעה. וואָס זאָל איך דיר זאָגן זונתי היקרה, אַז איך לעב נאָך בין איך שטאַרקער פון אייזן. כ׳האָב פאַר מיינע אויגן שוין געזען סיביר! זיי האָבן מיר אַפילו געגעבן טיי און ציגאַרעטן. טראַכט איך זיך, יאָ, יאָ, געטראָפן ווערמען צו נאַרן.

פלוצים עפנט זיך די טיר און עס קומט אַריין ווידער אַ פאָליצייניק און גייט גלייך צו מיר צו און זאָגט מיר: — שלום עליכם פעטער! דו הערסט, אָט מיט די אייגענע ווערטער. איך בין געבליבן ממש אַ פאַרחלשטער. גאָט האָט געהאָלפן איך האָב זיך אַביסל ספאָמיענטעט, טו איך אים אַ פרעג: — ווי מיינט איר, זיי וועלן מיך אַוועקשיקן קיין סיביר? לאַכט ער און זאָגט: — האָט ניט קיין מורא, דאָ איז ניט רוסלאַנד. אַזוי ווי די פאָליציי טאָר ניט אַליין אַראָפּנעמען אייער שילד איבערן אָפיס, לאָזן זיי אייך זאָגן, אַז איר זאָלט תיכף ומיד, אַראָפנעמען אייער שילד באַם ניט, וועלן זיי אייך באַשטראָפן מיט 30 שילינג. זאָג איך: — וואָס איז מיט מיין שילד? זאָגט ער: — אַז אַנשטאָט אויפצושרייבן דאָס וואָרט Matrimonial וואָס דאָס מיינט „פאַרהייראַט־לעבן”, האָב איך אויפגעשריבן Mortuary אַ בית הקברות . . .

הערסטו זונתי היקרה, לאָנדאָן איז אַ שווערע שטאָדט פאַר שידוכים. מילא ס׳איז היינט ניט קיין בייעס, אַז יינגלעך און מיידלעך זיינען אַליין די שדכנים, אַליין די חתן כלה. ווערסטו דאָך מיך פרעגן וואָסזשע טוט אַזאַ וועלט שדכן ווי דער מר. היימי איז? וועל איך דיר ענטפערן, אַז דער עיקר ביזנעס זיינען דאָ עלטערע אלמנס אַדער אלמנה׳ס, ביי זיי קאָן מען נאָך אַמאָל כאַפן אַ רובל. אָבער ביי יונגוואַרג איז אַ גרויס אומגליק און דאָס אומגליק איז „געמישטע חתונות” ר״ל. דאָ אין ענגלאַנד איז חתונה צו האָבן מיט אַ שגץ אָדער שיקסל, ווי אַ זעמל אויפצועסן. ביי די פיינסטע בעל הבתישע עלטערן, פאַרליאַפעט זיך דער זון אין אַ שיקסל לא עלינו און רוף מיך קנאַק ניסל. אַז אַלץ איז דאָ הפקר. טאָטע מאַמע זיינען גאָרניט, אמונה איז גאָרניט און דער רבונו של עולם — ניט מיט מיין מויל גערעדט—אויך גאָרניט. טאָ פאַר ווערמען איז דאָ מורא צו האָבן?



דו געדענקסט ווען בערל הייסינערס טאָכטער איז אַוועק מיט אַ שגץ פון דאָרף? ווי, ווי, וואָס האָט זיך דעמאָלט ניט איבערגעטון! טאַטע מאַמע האָבן געריסן קריעה, דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אויפן בית עולם ווען מ׳האָט אין אַ קבר אַריינגעלעגט אַן אָפגעבראָכענעם צווייג און בערל האָט דערנאָך קדיש געזאָגט און שבעה געזעסן. אָט דאָס הייסט יידישקייט. אָט יענער דור האָט געוווסט וואָס קידוש השם מיינט. ניין, ניין, ס׳איז נישט דאָס וואָס ביי אונדז אין דער היים.

פאַר היינט מאַך איך דאָס בקיצור, אם ירצה השם אין די וויטערע בריוו וועל איך דיר אַרויס שרייבן אַלצדינג באריכות. לעת עתה לאָז גאָט געבן מיט געזונט און הצלחה און גריס די קינדער אַלע און די שוויגער גאָר פריינטלעך.

ממני בעלך מנחם מענדל.

עיקר שכחתי — נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת מיט מיין שותף מר. דייוויס, האָב איך באַשלאָסן אַביסל זיך צוצולערנען ענגליש . . . ווערסטו דאָך מיך פרעגן וואָס עפעס פלוצים אויף דער עלטער ענגליש? וועל איך דיר ענטפערן, אַז איך האָב אַ קוק אויף אַ גוטער זייטיקער פרנסה ווו מען קאָן לייכט כאַפן אַ פונט. נאָר דער עיקר איז מ׳דאַרף קענען ענגליש. דאָ אין ענגלאַנד איז אַ „בר מצוה סעלעברייישאָן” איינס פון די גאָר גרויסע זאַכן. מען לערנט אויס דעם בר מצוה בחור, מפטיר, די הפטורה און דערצו אַ „ספיטש” (דרשה), מען צאָלט דערפאַר זער גוט, רעכן איך זיך באַלד נעמען דערצו. נאָר אַזוי ווי די קינדער פאַרשטיין ניט — „השם ישמרנו” קיין וואָרט יידיש, דערפאַר מוז איך זיך לערנען ענגליש.

הנ״ל.

ש. זאלקין

## פון קינדער טעג

איך זע זיך אַ קליינינקן קינד,
איך גיי מיטן טאַטן אין שול,
צום עמוד איך שטופ זיך געשווינד,
אַ בעכער מיט וויין איז דאָרט פול.

דער חזן ער גיט אונז צו זופ,
נאָך דעם גוט שבת איך זאָג,
פאַרן אויער מען גיט מיר אַ צופ,
און פריילעך אַהיים זיך איך יאָג.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון“**
**קומט צו די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס**

## א. נ. שטענצל

# דער ווונדערביים ברונעם

(באַלאַדע)

I

עס איז ערב־פרילינג, שוין אַ טאָג פאַר פסח,
ס'שמעקט מיט בעז, מיט בליעכץ און מיט מצה־קויבער,
לאַשטשענדיק בלאָזט אַ ווינטל, נאָר די זון זעט אויס,
אַן איבערלאָפן בלוטיק אויג פון אַ רויבער.

די בלאָטעס, די קאַלוזשעס שוין אויסגעטרוקנט,
און אַלע כאָלערע־חולאת פאַראיבער;
ווייסט מען די שטיבער, קאַלעכט מען די רינשטאָקן,
אָבער אין האַרץ ווערט אַלץ טונקעלער און טריבער.

שטיל שטייען וואַרשטאַטן, עס שטרייקן פאַבריקן,
און יידן אין געסלעך פאָגראָמען דערוואַרטן!
אונטער דער זשיקע גאַס, דאָרטן ביי דער ווייסל,
געפונען אַ ממזר אין זאַמד אַ פאַרשאַרטן.

זיצן זיי אַרום ברונעם, פאַראומערט, פאַרקומערט,
די קאָרמיסלעס פאַרוואָרפן שיף איבער רוקן,
די ליידיקע עמער פאַריתומט צווישן קני,
און די אויגן אין ליידיקייט אַריין קוקן.

ווי אַזוי סקאָרינקע אויף ברעקלעך צעקרישלען,
אויב ווייב נישט געהאַט אָנבייסן מיטצוגעבן;
אַ בושה די בליקן צום הימל אויפהויבן,
אַז איבער ברונעם הונגעריגע טויבן שוועבן.

אָ, די אָרעמקייט אין די יידישע געסלעך,
ווען די בעלי־בתים אַליין קומען שעפן וואַסער;
וואָס דעמאָלט שוין נעבעכדיקער וואַסער־טרעגער —
אַ פאַריאָגטער הונט, אַן אָפּגעגאָסן נאַסער.

קיין מצה אין שטוב נישט, קיין קאַרטאָפל צומאָל,
קהילה שטוב ווו, מעות חטים צו בעטן?
וואַרטן זיי דאָ ביים ברונעם אויפן בלוט בלבול,
די רוצחים מיט די שטיוואַלעס צו צעטרעטן.

קיין מרור נישט, קיין חרוסת, קיין ארבע כוסות,
עפּעס אַ זכר פון פסח מוז דאָך בלייבן!
זאָלן זיי זיך באַווייזן, די פאָגראָמטשיקעס,
מיט די קאָרמיסלעס וועלן זיי זיי פאַרטרייבן.



ווי מיט בלאַנקע שווערדן פון שיידן געצויגן,
מיט קלובעס בייכער אויפרייסן און קעפּ קעפּן;
מיט די ליידיק צעלעכצטע עמערס זייערע,
מען וועט היינט דאָס בלוט פון די רוצחים דאָ שעפּן.

II

אויסגעשטאָרבן די גאַסן, קיין מענטש נישט צו זען,
פאָגראָמטשיקעס לויערן אין די טויערן,
פאַטרולן דרייען זיך באַוואָפנט אַרום,
און שטינקן פונם דזשעגעכץ ווי די טכויערן.

פאַר דער קאַזנאַטשעיסטווע שטייט דער פאָדפּאָלקאָווניק,
פון ברונעם זיינע בליקן נישט אָפּצורייסן:
איז עס נישט זיין טאַטע, יענער וואַסער־טרעגער,
דער מיט דער שיווע באָרד און דעם קאָפּ דעם ווייסן?

פאַר פסח איז עס געווען, די זון האָט געשיינט,
די גאַסן האָבן געשמעקט מיט מצה־קויבער;
דער „כאַפּער“ שלעפּט אים, און דעם טאַטנס צוויי עמער
ווינקן אים נאָך פאַרטרערט און פסחדיק זויבער.

אַ קאַנטאָניסט, אַ ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט — —
איצט שטייט ער דאָ אין מונדיר מיט עפּאָלעטן!
נאָר איין פייף צו טון, די קאָזאַקן אויף די פערד
זאָלן אַרויס, מיט נאַגייקעס קעפּ צו פלעטן.

אַ פעסטן צי ביי דער לאַנגער געדרייטער וואָנס,
און אַלץ שטייט אים ווי לעבעדיק פאַר די אויגן;
ער שפּייט אויס: גאָר נישט לייכט די שליפּעס זיך פאַרדינט,
ווי זיי האָבן דאָס פון אים זיין בלוט געזויגן —
— — — — — — — — — — — —

אַ פייף! און פון אַלע ראָגעס, ווי די רוחות,
קאָזאַקן אויף פלינקע פערדלעך אָנגעפלויגן,
עס ציטערט די לופט אַ דונערדיק צעבליצטע:
„פון די שיידן די שווערדן אַרויסגעצויגן!“

בלאַנק בלינקט זיין שאַבלע אַ צעגלאַנצטע אין זון:
„סמירנאָ! אויבן אין באַנק אַלצדינג אַדורכזוכן!“
די קאָזאַקישע אייגעלעך פינקלען פעט אויף,
פון זיין „טאַטנס טאַטן“ צעיוזשעטן פלוכן.

פלינק אויפגעריסן אַלע אייזערנע קאַסעס,
די פענסטער פראַלן אויף מיט צעגלאַנצטע שויבן,
ווי טויבן פליען באַנקנאָטן אַרום ברונעץ,
און חברה וואַסער־טרעגער, וואָרקנדיק קלויבן.

די דריי־רובלדיקע, די גרינע צעגלאַנצטע,
זעען זיי נישט אויס ממש ווי טורטל־טויבן ?
זיי פּאַקן זיי אונטער דער פּאַכווע אין בוזעם,
מיט אויפגעפּלאַטערטע הערצער פונם זשויבן.

אַ רגע נאָך געבליבן שטיין ער איז אויבן,
באַהאַלטן אַ טרער פון אויג זיך אויסצווישן,
און נאָכגעקוקט ווי גלויביק אַהיים זיי לויפן,
האָפערדיק יום־טובדיק צו דעקן די טישן.

און יענער, וואָס האָט ווי זיין טאַטע אויסגעזען,
מיט דער שיווע באָרד זיצנדיק דאָרט ביים ברונעץ,
ס׳איז מסתם אליהו הנביא געווען —
ווי אַ צעלעכצטער עמער ר׳איז אויסגערונען.

## אנעמאנען

[פאַר דעם ישראל־יינגעלע פון קיבוץ וואָס האָט מיר
געשיקט די אַנעמאָנען צו פסח]

1

איז עס זייער אויסזען שטיל און באַשיידן,
אין גאָר נאָנט׳ס, גאָר היימישס זיי דערמאָנען ?
עפּעס מיגניעט אַזוי זיידן פאַר די אויגן,
וואָלט איך עס נאָר אויסגעפינען קאָנען.

עס איז נישט אַ שווער באַשטויבטער בלום־גערוך —
נעמען ווייט־ווו, פאַרוויט, ווידער־טאָנען !
זיי מישן זיך גרוי־פאַרשטויבטע אין מיין קאָפּ,
אין כאַמסין־ווינט אַ בייט־אַנעמאָנען.

2

די בערג אַש פון די מיליאָנען פאַרברענטע
טליען אויף פון פונקען ווו באַהאַלטן ;
לאַוואַ־רויכעלע בלוילעך־צעפלעמלט,
רייסט זיך צעגליט צווישן פעלזן שפּאַלטן.

דער טוי אויף די בערג פון ירושלים
רחמים־טרערן פאַלן פון גאָטס אויגן ;



„הר־הזכרון“ אַנעמאָנען צעבליט —
זון אויפגייענדיקער רעגנבויגן.

3

לעשנדיקע פלעמלעך אין אַש טליענדיק,
ווייט ווו פערוויט איבערגעבליבן,
אין בוקעטלעך, בונטע, צונויפגעבונדן,
גאָט׳ס פינגער זיי צוזאַמענגעקליבן.

די בלומען־קרענצלעך צוקאָפּנס צו לייגן,
גאָט אַליין קאָן די קברים געפינען !
מיט אַנעמאָנען פול זיינען די הימלען,
אין די שקיעה־שעה און אין באַגינען.

4

פון שנירעלעך בלוט וואָס וואונדן טריפן,
וואונדערלעכער טעפיך טוט זיך שטיקן !
שטיקן זיך די טרערן אין מיינע אויגן,
און פאַרוואונדערט אומעטיק זיי בליקן.

אָ, וואָסער וואונדער עס וועט זיך אויסוויקלען,
איבער וויסטע בערג אַן אויסגעשפּרייטער !
אַזויפיל אָפענע און טיפע וואונדן,
און זיי טריפן אַלץ ווייטער און ווייטער.

5

אַלץ העכער און העכער עס וויקלט זיך אויס,
ליבלעך פון הענט אַן אונטערגעלייגטער,
אַ טעפיך, זייד־פלושן און ווייך־געשטיקטער,
ברייט און ווייט אַ ליכטיק אויסגעשפּרייטער.

ווי שטויביק פון ווייטן וועג די פיס זיינען,
ווי בלוטיק זיי ווייינען פון די וואונדן — —
דאָ און דאָרט מען זעט נאָך קוים עפּעס אַרויס,
גאַנץ אין בלוט און שטויב שוין שיעור פאַרשוואונדן.

## סאנעטן־וואריאנט

1

נישט בלויז זיין זוימענדל געברענגט פליענדיקער ווינט,
נאָר אויך די ברייזעלעך זאַמד, די קרישקעלעך ערד ;
און אַז פלאַנצל אין פעלזן־שפּאַלט פאַרוואָרצלט ווערט,
בליט עס אויף אין דער בריאיקער זון בריהדיק געשווינט.

און מיט רויטע, לילאַ־בלויע בלעטלעך אַצינד,
מיט אייגל אינדערמיט ס׳קוקט ווילד אַזוי פאַרקלערט,
אַ זומער־פייגעלע פון בענקשאַפט פאַרצערט.
פלינק פון ווייט־ווו פלאַטער אַ צווייטס אָן פון ליבע בלינד:

דאָס אייגעלע ווי גרויס, דאָס פליגעלע ווי צאַרט,
נישט בחנם אַזש פון עק־וועלט דאָ אָנגעשפּאַרט!
עס פלאַטערט, עס שוועבט און שטיל עס לאָזט זיך אַראָפּ:

ווי סאַמעט־ווייך, ווי וואַרעם, ווי אַטלעסדיק־גלאַט
בלויז אַזוי זיסלעך — אַן אויסגעזויגט רויזן־בלאַט!
אַ טויט־דערשראָקנס דאָס זומער־פייגעלע שפּרינגט אָפּ.

2

(פאַר דיר)

די פינסטערניש פון דער ערד מיט וואָרצל געצויגן,
און מיט בלעטל — די ליכטיקייט פון הימל;
צעטומלט אין דעם ווילדן פעלזן געווימל,
קוקט עס דערשראָקן־קורטשעדיק און איינגעבויגן.

שמעטערלינגען וואָלטן די בלעטלעך אָפּגעפלויגן:
עפּעס דערמאָנען זיי זיך, אַ מאָל, אַ נימל — —
אַ נאַקעט שטענגל ס׳וואָלט געבליבן פון בלימל,
צוריק אין דער פינסטערניש פון וואָרצלען געצויגן.

— נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט הימל דען אָן די ערד,
און פאַרקערט אָן דער ערד דער הימל וואָסער ווערט?
קוקט עס אַזוי עניוותדיק שטיל און באַשיידן.

און צווישן דעם שטאָלצן־שטייפן פעלדזן געשטיין,
וויגט זיך אַ טוי־טראָפּ, ווי איינגעהאַלטן געוויין — —
לילאַ־אַטלאַס און ווייס־בלוי און פורפור און זיידן.

III

די שוואַרץ־באַהאָרטע שווערע קעפּלעך פאַראויס,
די לייבער לייכט־נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך;
מיט אַזאַ ראָיעדיק ווידמע־געקריך,
אויף בויך זיך רינגלענדיק, פון דער ערד אַרויס —

אַזעלכע גאָנשלע־לאַרוועס זעען זיי אויס
צוריק אין דער ערד פאַרקראָכן ביז צום דיך,
זיינען זיי פון פחד איילעוודיק גיך,
זעענדיק די בערג אַרום געוואַלטיק גרויס.



אַט זיינען די זומער־פייגעלעך שוין דאָ,
רויט באַפליגלדיק און לילא און ווייס־בלאָ,
אָפּרייסן זיי ברויכן זיך בלויז צום פלי.

אָבער נאָך וואָס זיך אַפּרייסן, נאָך וואָס פליען,
אַז זיי קאָנען אויף דער זון דאָ אַזוי טליען,
אָן מינסטן געפלאַטער, אָן מאַטער, אָן מי.

* * *

אַזוי שוואַרץ איז עס אין דער טיפעניש פון מיין האַרץ,
ווי אין אַן אַנעמאָנע, ווען זי עפנט זיך אויף;
פּאַמעלעך פאַלן פאַרוועלקטע די בלעטלעך אַראָפּ,
און ס׳איז גאָר אַן אויג וואָס קוקט צו ווען אַרויף —

אַזוי גסיסהדיק געבראָכן, פאַרגליווערט שטייף,
אונטער פאַרזשמורעטער וויע און געדיכטער ברעם — —
אַ האַרץ־פאַרשוויגענער בליק, פון אַ פעלז געבוירן,
פאַרוויאַנעט וויינענדיק, אים צוגעוואָרפן צו ווען.

---

## ראובן שטרובעל (ניו־יאָרק)

### צייט

אין בליאַסק פון מאָרגנשטערן
אויפגיין זאָן מיין טאָג היינט,
ווי אַ תפילה אינעם געבעט —
דערהערט צו ווערן.

און אויף אַלע אַנטקעגנס, וואָס מיר געגענען
לויכטן זאָל איך מיט אָפּבילד
פון אַלע הימל־בלויענישן, וואָס כ׳האָב
אַ לעבן־לאַנג איינגעזאַפּט אין זיך
דורך אויגן אייביק דורשטיקע צו זען,
וואָס בעטן רחמים אַז טעג פּוסטע,
זאָלן זיך ניט ציילן . . .

זאָל געמינערט ווערן אַ רגע פון צייט וואָס אייביקייט, —
און קומען כ׳וועל צו איר, אַן אויפגעלייזטער
ביז ענדלאָזע סופן, וואָס פאַרנעמען טויב
אַלע פּיין אין אייביקן בייט, דורך צייט
פון ערדישן זיין . . .

## ש. טענענבוים

### שיינע פרויען

הײַנט האָב איך, שפּאַצירנדיק אין דעם קאַלטן, פּראָסטיקן פרימאָרגן, געזען ווי אַזוי שיינע פרויען לאָזן אַרויס די פּאַרע פון מויל און ווי עס ווערט אין דער לופט פאַרוואַנדלט צו ריינעם זילבער. עס איז ווי זייערע שטראַלנדיקע נשמות וואָס ווערן צו לופטיקע, זילבערנע קוויאַטן אין דער לופט. די פרויען גייען אַוועק, זיי ווערן פאַרוויאַנעט און אַלט. נאָר זייערע זילבערנע, פאַרעדיקע קוויאַטן וואַנדערן און ווערן צו חופּה־גערטנער אין הימל, אַרום די פיס פון פון גאָט.

אָ, די זילבערנע קוויאַטן פון דײַן ערשטער, פון דײַן צאַרטער געליבטער! אָ, ווי שיין איז איר לופטיקע פּאַרע וואָס דו ווילסט אײַנשלינגען אין דיר! . . . וואָס דו ווילסט אַרײַננעמען אין זיך . . . אָ, אירע רויטע ליפּן וואָס דו ווילסט פאַרלייטן מיט גאָלד פון דײַן גליענדיקן ליבשאַפטס־מויל! אָ, די צאַרטע פּאַרע וואָס ציט זיך פאַרחלומט פון איר פאַרכישופט מויל . . . בלויז פאַרחלשטע „אָ׳ס!" האָסטו הײַנט פאַר יענע גרויסע, ערשטע איבערלעבענישן, ווי די גרויסע, ערשטע איבערלעבענישן פון דער מענטשהייט, מיט מיליאָנען יאָרן צוריק.

### נבוכדנצר

איך בין הײַנט געגאַנגען אַ פאַרטראַכטער איבער די געסלעך פון לאָנג אײַלאַנד. שטיקער רויך מיט פלאַמען ציִען זיך פון די פּשוטע קוימענס. שטיקער פאַרחלומטע וואָלקנס ציִען זיך אַליומיניש־בלייך פון געטלעכע לאַנדשאַפטן. ווי אין אַ ריזיקן מאָגן זײַנען די געדערים צונויפגעלעגט, אַזוי זײַנען צוזאַמענגעפּרעסט אויפן הימל וואָלקנס אויף וואָלקנס. אומעטום קוקסטו אַרײַן אין די צעבראָכענע פענצטער פון קאָסמאָס. שוין עפנט זיך די לבנה — דעם הימלס פאַרפאָרענע וווּנד. דער ווינט רײַסט אויף לעכער אין אַלע ווענט פונם אוניווערס. ווי ביטער קאַלט עס איז איצט, שפּילן זיך קליינע פייגעלעך בײַ די גערטנער, זיי זוכן קרישקעס ברויט און קערנדלעך. דער שניי איז ווי בחדים און אַ צעריסן העמד איבערן דיקן לײַב פון דער ערד. די ביימער גליִען אין זון־פאַרגאַנג — אַזוי ווי אַלט פרענקישע מנורות, אָפּגעפּוצטע מיט זאַמד. אַ מיידל גייט אַרויס פון אַ הויז — רייצנדיק איר ריטמישער גאַנג. און דו טראַכסט און דו טראַכסט:

— זאָל דאָס אַלץ, גאָר דאָס ערדישע לעבן, איבערגעענטפערט ווערן אין די נאַרישע הענט פון איין נבוכדנצר? זאָל מען אים אין זײַן וויסטער, שטערבלעכער פויסט אַרײַן איבערגעבן דעם שיקזאַל פון אַלע צוויי מיליאַרדן מענטשן? זאָל ער דאָס זײַן דער אַלמעכטיקער שופט איבער דער וועלט־גערעכטיקייט? זאָל ער דאָס מיט דער אָרעמער הילף פון זײַנע נאַרישע און שטערבלעכע יועצים האַלטן אין זײַן צוים די זון און אין זײַנע לייצעס — די וואָלקנס? זאָל ער דאָס מיט דער אַטאָמישער בייטש שמײַסן און צעשמעטערן די שיינע פאָרם פון דעם קאָסמישן שפּיל? זאָל ער דאָס ברוטאַל שענדן די געטלעכע יצירה? האָט איין און איינציקער מענטש די חוצפּה צו דעצידירן שלום, אָדער, חלילה, מלחמה?

— אומזין! — האָט אויסגעשריגן אין מיר אַ קול מיט אַלע רמ״ח אברים.





### מיט דער מאַמעס כוח

בײַ גיטעלע יאָשקעס איז דאָס הויז געווען פאַרשלאָסן, די גרינע לאָדנס האַלב פאַרמאַכט, אַ נאַפט־לעמפּל האָט ערגעץ געבליצט בײַם קיך־קוימען, דאָרט האָט דוד׳ס מאַמע, גיטעלע, געבאַקן ראַזאָווע חלות אויף שבת, און איבער די האַלב־פינסטערע שטובן האָט טאַקע געשמעקט מיטן ראַזאָווע געבעקס, אויסגעמישט מיט אומעט און טרויעריקע טריבקייט.

אָט דער פרײַטיק פרימאָרגן איז געווען פול מיט ברוינזנדיקע שרעק, שוואַרץ־גראָע וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם פאַרבענקטן הימל, און ווי ריזיקע שאָטנס וואָלטן געיאָגט און געפלאָגט די ריזיקע וואָלקנס פאָרויס־פאָרויס, ערגעץ ווײַט אַוועק, מיט אימהדיקע בשורות, פון שטעטל צו שטעטל, וווּ ס׳געפינען זיך ייִדן.

אַ פּראָסטיקער ווײַסער שראָן האָט באַדעקט די שטעטלדיקע רויטע צעמענט־שינדלען פון די שטאָקיקע הײַזער, ווי בלוט מיט שניי וואָלט זיך געמישט. שוואַרצע אַש־גרויע קראָען האָבן כסדר געקראַקעט און זיך בײַז געביסן, פליענדיק דערשראָקענע פון דעם שיסן פון די רוצחישע דײַטשן. הײַנט האָבן געוואָיעט בײַ מאַלינאָווסקין אין הויז. מענטשן זײַנען געלאָפן אײַנגעבויגענע, און געטוליעט זיך אין צווייען איבער הינטער־געסלעך. אויף די פּליינען פון אונטערן שטעטל זײַנען געלעגן דערשאָסענע ייִדן.

דוד׳ן האָט דאָס שטאַרק איבערנומען, מיט אַ קאַלטן שוידער איבערן קערפּער. נאָך דערצו איז די מאַמע, גיטעלע, שנעל געלאָפן איבער די שטובן און גערעדט ווי צו זיך: „נאָ, נאָ, אָט האָסטו דיר . . . הערסט ווי ווײַבער שרײַען אין גאָס" . . . און שאָסן האָבן אָפּגעהילכט איבער די הויכע טאָפּאָלן־ביימער בײַם ברײַער, נעבן גיטעלע יאָשקעס הויז.

דוד האָט געזען, דורך אַ בוידעם־פענסטערל, ווי גאַנצע טשערעדעס מיט דײַטשן מאַרשירן שטאָלץ פאַרבײַ מאַלינאָווסקיס גאָרטן, שיסן די הינט, קעץ, כאַפּן הינער, גענז, כאַפּן זיך אַרום מיט די פאַרבײַגייענדיקע שיקסעס, לאַכן ווילד, מיט שטשירענדיקע וועלפישע ציינער. דוד האָט שנעל אַ טראַכט געטון: „ס׳איז שלעכט, דאָס זײַנען די ריכטיקע מערדער־ראַסע" . . .

דוד יאָשקעס האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון דעם אָנקומענדיקן גיהנום. ער האָט זיך געמאַכט גרייט צום פאָרן. די מאַמע האָט אים געהאָלפן פּאַקן זײַן וועגזאַק, אַרײַנגעפּאַקט אַ שבת־חלה, אַרײַנגעלייגט זײַן תפילין־זעקעלע, מיט איר קרבן־מנחה סידור.

ווען דוד האָט זיך געזעגנט מיט זײַן משפּחה, האָט די מאַמע אויף אים טרויעריק אַ קוק געגעבן, ווי אירע אויגן וואָלטן זאָגן: „אויפגעהאָדעוועט מיט מי און שווייס, און איצט זע איך אים אפשר ס׳לעצטע מאָל" . . . זי האָט טיף אָפּגעאָטעמט, מיט אַ „אוי, רבונו של עולם" . . .

דוד׳ס מאַמע איז שטיל צוגעגאַנגען צו אים, און מיט טרערן אים אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער: „דוד קרוין, געדענק, גאָט וועט דיך אייביק געדענקן,

ווייל מיינע הייסע טרערן זיינען מיט דיר, אין דעם קרבן־מנחה סידור, ווו דאָרט האָב איך מיינע תפילות אויסגעוויינט, און אויסגעבעטן אין הימל ביים רבונו של עולם״...

דוד׳ן האָבן די ווערטער אַזש געמאַכט ציטערן, און ווען ער האָט געוואַנדערט, מיט דאָרפישע פורלעך, אָדער באַנען, האָט ער ביי זיך געטראַכט כסדר: „גאָט געדענקט מיך טאַקע״... ווייל ער האָט דערזען מיט שרעק ווי דייטשן רייסן און פליקן ביי יידן בערד, שענדן יידישע מיידלעך, ראַבעווען, האַקן, בראָקן, שרייען, געוואַלדעוון איבער גאַסן און מערק, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען הפקר. אויפן קעלצער יריד מאַרק האָט ער דערזען מיט שוידער, ווי אַ דייטשער אָפיציר רייסט אַראָפ די קליידער פון אַ יונג שול־מיידל, און שמייסט איר איבער די נאַקעטע ברוסטן מיט אַ ראַפניק, און דאָס מיידל רייסט זיך פון זיינע לאַפעס, און בעט, מיט אויסגעגלאָצטע שרעקעוודיקע אויגן, הילף ביי די דורכגייענדיקע מענטשן... דוד שווערט דאַמאָלט נקמה אין די דייטשע מערדער און באַשליסט צו גיין צו די פאַרטיזאַנער.

מיט פאַרביסענע ליפן און קריצנדיקע ציינער האָט ער געוואַנדערט איבער ליימיקע פעלדער. אומעטום איז געווען דער זעלבער טרויער, וואָס האָט דערמאָנט זיין היים. מיט אַ פלוצלינגע שרעק האָט ער דערזען אויפן מאַלקינער וואָקזאַל, נעבן די באַן־רעלסן, ווי דריי יידן הענגען אויף טעלעפאָן־סלופעס, מיט רויטע אָנגעבלאָזענע פנימער און אויסגעשטרעקטע צינגער... דאָס האָט דוד׳ן נאָך מער צוגעגעבן קוראַזש צו אַ ווילדער נקמה, באַדאַי פאַלן טויט...

ווען דוד איז אַריבער די מאַלקינע גרעניץ איז שוין געווען טיפע נאַכט. אַ טייוולאָנישע פינסטערקייט האָט אָנגעשלאָגן אין די שוואַרצע, געפרוירענע גרודעס ערד. ביי די פיס האָט ער בלויז דערטאַפט פיטשינקע שטיינדלעך, וואָס האָבן געוויזן דעם היימישן וועג, און העט ווייט האָט שד׳יש געווונקן, און זיך געלאָשן, אַ נאַפט־לעמפל

ווען ער האָט דערגרייכט דעם דאָרפישן ברעג האָבן הינט ווילד געוואָיעט, און אַ פאַרבענקטער דאָרפישער רויך פון די הייזקעס האָט זיך געשלענגלט און זיך אויסגעמישט מיט דעם ווילדן פעלד־ווינט. ווען ער איז צוגעקומען צו דער פויערישער כאַטע, האָט אַ סקריפע געטון אַ טיר, און ס׳האָט אַ פראַל געטון אַ נעפלדיקע פאַרע, און פון אָט דעם טומאַן איז אַרויסגעקומען אַ פויער מיט דערשראָקענע אויגן. ער האָט שנעל און הייזעריק אַ זאָג געטון צו דוד׳ן: „אַנטלויף, ברודערל, פון דאַנען, אויב ניט וועלן דיך די דייטשן דערשיסן אויף אָט דעם פערדישן מיסט. לויף מיטן טראַקט, דאָרט איז אַ וואַלד, דאָרטן וועסטו טרעפן דיינע מענטשן. לויף שנעל, ברודערל״...

דוד האָט אַ פאַרטויבטער און פאַרשטומטער צוגעשאָקלט צום פויערס עצה, נישט ווייסנדיק, אַז דאָ זיינען נאָך פאַראַן דייטשן. עפעס אַן אינערלעכע קראַפט האָט אים צוגעגעבן אימפעט צו לויפן וואָס שנעלער, דאָרט צום וואַלד. ער איז געלאָפן ווי אַ בלינדער, שטום און טויב, נישט הערנדיק, נישט זעענדיק, אין אַ טיף פאַרזונקענע פעלדישע שטילקייט, ביז ר׳האָט דערזען אַ ריזיקן וואַלד..



דוד האָט לייכט איינגעאָטעמט די פרישע ווילדע וואַלד־לופט. פון שרעק און מידקייט האָט ער נישט געפילט די אימהדיקע איינזאַמקייט; אָפט האָט ער געוואָלט צולויפן צו יעדן בוים, און אַרומכאַפן, קושן, ווי דאָס וואָלטן געווען זיינע געטרייעסטע פריינט. דער שטילער וואַלד־שאָרך האָט אים כמעט איינגעשלעפערט. ער האָט זיך געלייגט אויפן גרין־טונקעלן מאָך, שנעל איינגעשלאָפן. ס׳האָט זיך אים כסדר געחלומט ווי זיין שטעטל ברענט, און זיין מאַמע שרייט פון די פלאַמען: „דוד, דוד קרוין, בעט אין קרבן־מנחה סידור, ביים הימל, זע, נאַ, אָט ברענט מען אונז דאָ״...

דוד איז אַריין טיף אין וואַלד אַריין, געמאַכט אַ פייער פון ווילדע סאָסנעשישקעס. דער פלאַם האָט געקנאַקט, ווילדע האָזן זיינען אַנטלאָפן פון אונטער די וואַלד־דערנער, ס׳האָט זיך אים געדאַכט ווי זיין מאַמעס־ און משפחות־נשמות לויפן אים פאַרביי... דער ווילדער פלאַקערדיקער וואַלד־פייער האָט צעשפרייט אַ געדיכטן רויך איבערן ווייטן וואַלד, און דאָס האָבן באַלד דערשמעקט די פאַרטיזאַנער, און באַלד זיינען אָנגעקומען פיר פאַטרולן. שטאַרק פאַרנומען ביים שאַרן ס׳פייער האָט דוד נישט געהערט אַ קול מיט אַ וואַלד עכאָ: „העי, העי, ווער ביזטו?״

דודס רויט צעפלאַמט פנים האָט מיט שרעק אַ קוק געטון און דערזען — אַ שטאַרק דערשטוינטער — צוויי יונגע פעסטע בחורים, באַוואָפנטע, און אונטער זייערע פלייצעס זיינען געשטאַנען מיט דרייסטע בליקן צוויי יונגע מיידלעך. טרערן האָבן אים אַזש געשטיקט פאַר פרייד, ווען ער האָט זיך דערוווסט אַז זיי אַלע זיינען יידן. זיי האָבן אים מיטגענומען צו דער פאַרטיזאַנער מחנה. איינע פון די צוויי מיידלעך איז געווען חנה פון ביאַליסטאָק, אַ שלאַנקע, אַ שיינע, שוואַרצע טרויעריקע אויגן, ווי ביי אַ יונג קעצעלע, מיט דינע געזיכטסצוגן, און אַ פיטשינקע נעזעלע אויפן רונדן שווייגנדיקן פנים. זי האָט באַדינט געקאָכט, געוואַשן פאַר אַלע פאַרטיזאַנער. זי האָט געכאַפט אַ ביסל דעם אָנבליק פון זיין מאַמע.

נאָך עטלעכע טעג, ווען מען האָט דוד׳ן באַקענט מיט דער אומגעבונג און דער געגנט אַרום די וועלדער, האָט ער זיך כסדר געריסן אַנטייל צו נעמען אין אָנפאַלן אויף דייטשע מיליטער עשאַלאָנען. און אָט איז געקומען דער דערוואַרטעטער מאָמענט און מען האָט אים אָנפאַרטרויעט אַ געוואַגטע שליחות.

ניין, נישט בחינם האָט מען חנהן מיט־קאָמאַנדירט. אין די אייניקע טעג האָט זיי שוין אַ סך בשותפותדיקס פאַרבונדן... אין פאַרטיזאַנער לעבן זיינען טעג חדשים! גייענדיק אין געדיכטן וואַלד איבערן ווייכן מאָך, נאָך אַ לאַנגען שווייגן, נעמט דוד אָן חנה׳ס האַנט און זיין קול פאַרעט מיט ציטער און טרויער: „חנה, כ׳הער מיין מאַמעס שטילע טריט, נישט בחינם בין איך געבליבן לעבן, יאָ, חנה, כ׳פיל אין דיין האַנט אַז דו האָסט מיין מאַמעס כוח״.

חנה האָט געוואָלט זיך טוליען צו אים. „גיין, נאָך נישט איצט, מיר גייען אין אַ שווערן שליחות... מיר גייען קודם נקמה נעמען פאַר די שאַנד פון אונזערע יידישע שוועסטער״...

ה. הײשעריק

# דאָס שטערנטיכל

װען איך בין געװען אַ קלײן מײדעלע פּלעג איך זיך קױם קענען דערװאַרטן אױף די ימים נוראים, װײל דעמאָלט פּלעגט מײן באָבע, עליה השלום, בענטשן די ליכט, אָנגעטון אין אַ שײן שטערנטיכל, װאָס איז געװען אױסגענײט מיט טײערע אײדלשטײנער, דימאַנטן, רובינען, פּערל און גילדענע רענדלעך.

דאָס גאַנצע יאָר האָט מײן באָבע געהאַלטן פאַרשלאָסן אָט דאָס שטערנטיכל אין אַ גרױסן קאַסטן, װעלכער איז געװען געקאָװעט מיט אײזערנע רײפן און פאַרשלאָסן מיט צװײ גרױסע שלעסער.

געװען איז דאָס טיכל פון שװאַרצן זײד, װאָס פּלעגט אַראָפּהענגען, און װען מײן באָבע האָט עס אָנגעטון און געבענטשט די זיבן ליכט, האָט עס פאַרלױכטן די גאַנצע שטוב, מיר פאַרבלענדט די אױגן ביז טרערן און איך, אַ פאַרכישופטע, האָב נישט געקענט אָפּרײסן מײן בליק פון איר. און בשעת איך שרײב די שורות זע איך מײן באָבע פאַר מײנע אױגן װי לעבעדיק.

געװען איז זי אַ שײנע, הױכע פרױ, העל־בלאָנד מיט בלױע אױגן; און נאָך אַ גאַנץ יונגע. מײן באָבע האָט נישט געטראָגן קײן שײטל, נאָר אױף איר אָפּגעשױרענעם קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ װײס הײבעלע פון שפּיצן, פון הינטער װעלכן עס האָבן אַרױסגעקוקט אַ ביסעלע גאָלדענע האָר איבערן שטערן.

און אַז איך האָב זיך שױן דערלעבט די ימים טובים, בין איך גלײך אַרײן צו מײן באָבען אין שטוב. װען איך בין אַרײנגעקומען און געזאָגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם „גוט יום טוב“, האָט זי אױפגעהױבן דעם קאָפּ פון דער תחינה און מיט אַ ליכטיקן שמײכל אױף איר פּנים מיר געענטפערט, הײסנדיק מיך זיך זעצן בײם שײן געדעקטן טיש, אױף װעלכן עס האָבן געלױכטן די זיבן גרױסע לײכטערס מיט גרױסע יום־טובדיקע ליכט. פון טיש האָט אַראָפּגעשמעקט פײנע, הײמיש־געבאַקענע חלה, צוגעדעקט מיט אַ שײן טישטיכל, װאָס זי האָט אַלײן אױסגענײט.

װאַרפנדיק אַ בליק אױף מיר, האָט זי װײטער געלײענט די תחינה אױפן הױכן קול, אַזױ, אַז איך האָב געקענט הערן יעדעס װאָרט. איר צאַרטע שטימע האָט זיך געטראָגן װײט, װײט צום הימל, און האָט צוגעצױגן מײן האַרץ. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע װי עס עפנט זיך דער הימל און װי דער מלך המלכים זיצט אױפן כסא־הכבוד, און אַרום אים שטײען די גוטע מלאכים און זינגען מיט זײערע זיסע קלאַנגען איבער הימל און ערד ביז זײ קומען צום טיש, װו מײן טײערע באָבע איז געזעסן אָנגעטון אין דעם שטערנטיכל, װאָס איז געװען אַ גרױסער אוצר פאַר דער גאַנצער פאַמיליע.

אין שײן פון די זיבן ליכט האָב איך שױן גאָרנישט געזען אַחוץ די פּילע פײערלעך אױפן שטערנטיכל, װעלכע עס האָבן אַרױסגערופן די אײדלשטײנער.

געװען איז דאָס אַ מתנה פון איר באָבען, און געבנדיק דאָס טיכל מײן באָבען אַלס חתונה־מתנה, האָט זי צו איר געזאָגט:

— זלאָטע, איך גיב דיר אַ טײערע מתנה, אַן אוצר. און דו האָסט חתונה



מיט אַ גרױסן לערנער, און אַז השם־יתברך װעט אײך שענקען קינדערלעך, װעט דאָס שטערנטיכל אײך העלפן זײ חתונה מאַכן.

און בײ דער חופּה האָט זי איר אָנגעזאָגט, אַז ביז דער צײט זאָל נישט פעלן דערפון קײן אײן שטײנדעלע.

און מײן באָבע האָט טאָקע געהאַלטן װאָרט!

נאָך דער חתונה האָט זיך דאָס יונגע פּאָרל געקױפט אַ קלײן הײזעלע, אָבער מיט אַ גרױסן גאָרטן. פון דער פּראָנט־שטוב האָט דער זײדע געמאַכט אַ געװעלבל מיט זיסװאַרג, װו ער פּלעגט זיצן דעם גאַנצן טאָג בײ אַ ספר, און דערבײ אױך לײזן אַ ביסל געלט. די באָבע האָט באַאַרבעט דעם גאָרטן און אױפגעזעצט עופות, און מען האָט געפירט אַ בעל־הבתיש לעבן.

השם־יתברך האָט טאָקע געבענטשט מײנע זײדע־באָבע מיט פיר טעכטער און אײן זון, פון װעלכע מײן מאַמע, עליה השלום, איז געװען די עלטסטע.

װען מײן מאַמע איז אַלט געװאָרן זיבעצן יאָר, האָט מען זי חתונה געמאַכט. און דעמאָלט האָט מען אַרױסגענומען דאָס שטערנטיכל, און מיט טרערן אין די אױגן האָט מײן באָבע אַראָפּגענומען די ערשטע שטײנער. און אַזױ האָט זיך געצױגן פון אײן שמחה צו אַן אַנדערער ביז מען האָט אָפּגעפּליקט דאָס גאַנצע שטערנטיכל, װי מען פּליקט אָפּ הינער, ביז עס איז שױן גאָרנישט געבליבן, אַחוץ די צײכנס פון די טײערע שטײנער.

אָבער מײן באָבע האָט שױן געבענטשט ליכט יעדן פרײטיק, אָנגעטון אין דעם טיכל, װאָס האָט אױסגעזען װי נאָך אַ חורבן.

געזען האָב איך מײן טײערע באָבע צום לעצטן מאָל אָנגעטון מיט אָט דעם שטערנטיכל אױפן קאָפּ, אין דער עלטער פון פיר אַכציק יאָר, װען זי איז שױן געלעגן אױפן טױטנבעט.

## יהודית (המשך)

און עס איז געװען, דעם פערטן טאָג האָט האָלאָפערנעס געמאַכט אַ טרינקמאָלצײט בלױז פאַר זײנע קנעכט אַלײן, און נישט אײנגעלאַדן צו דער געזעלשאַפט קײנעם פון די געשעפטס־פירער. און ער האָט געזאָגט צום סריס בגוא, װאָס איז געװען געשטעלט איבער זײן גאַנץ פאַרמעגן: גײ אַצינד און רעד איבער די ײדישע פרױ, װאָס איז בײ דיר, צו קומען צו אונז, און עסן און טרינקען מיט אונז. װאָרים זע, עס איז אַ חרפּה אין אונזערע אױגן צו לאָזן גײן אַזאַ פרױ, נישט האָבנדיק געהאַט געזעלשאַפט מיט איר; װײל אױב מיר װעלן זי נישט ברענגען דערצו, װעט זי זיך אױסלאַכן פון אונז. און בגוא איז אַרױסגעגאַנגען פון פאַר דעם פּנים פון האָלאָפערנעס, און איז אַרײנגעגאַנגען צו איר, און געזאָגט: זאָל־זשע די שײנע דינסטמױד זיך נישט װײגערן צו קומען צו מײן האַר געערלעכט צו װערן אין זײן אָנגעזיכט, און טרינקען װײן און זײן פרײלעך מיט אונז, און אָט דעם דאָזיקן טאָג װערן װי אַ טאָכטער פון די קינדער פון די אַסיריער, װאָס געפינען זיך אינם הױז פון נבוכדנצר. און יהודית האָט געזאָגט צו אים: און װער בין איך אַנטקעגן צו רעדן מײן האַר? מחמת אַלץ, װאָס איז

ווילגעפעלן אין זיינע אויגן, וועל איך פלייסיק טון, און דאָס דאָזיקע וועט זיין פאַר מיר אַ שמחה ביז צום טאָג פון מיין טויט. און זי איז אויפגעשטאַנען, און האָט זיך אויסגעצירט מיט דער קליידונג און מיט יעדן ווייבלעכן שמוק; און איר דינסט איז געגאַנגען און האָט אויסגעשפרייט פאַר איר אַנטקייגנאיבער האָלאָפאַרנעסן אויף דער ערד די טעפיכער, וואָס זי האָט באַקומען פון בגוא פאַר דעם טעגלעכן געברויך אירן, אַז זי זאָל אויף זיי עסן, זיצנדיק אָנגעלענט. און יהודית איז אַריינגעקומען און האָט זיך אַנידערגעזעצט, און דאָס האַרץ פון האָלאָפאַרנעסן איז געוואָרן אַנטציקט פון איר, און זיין זעל האָט זיך געטרייסלט, און ער האָט זער געגלוסט זיך צונויפצוקומען מיט איר: און האָט אויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט זי צו באַטריגן פון דעם טאָג אָן ווען ער האָט זי דערזעען. און האָלאָפאַרנעס האָט צו איר געזאָגט: טרינק און לאָז דיר ווילגיין מיט אונז. און יהודית האָט געזאָגט: געוויס וועל איך טרינקען, מיין האַר, ווייל אין מיין לעבן בין איך נאָך נישט אַזוי געערט געוואָרן, ווי דעם היינטיקן טאָג. און זי האָט גענומען און געגעסן און געטרונקען פאַר אים וואָס איר דינסט האָט צוגעגרייט. און האָלאָפאַרנעס האָט זיך געפרייט איבער איר, און האָט געטרונקען זער פיל וויין, וואָס אַזוי פיל האָט ער קיינמאָל נישט געטרונקען אין איין טאָג זינט ער איז געבוירן געוואָרן.

יג

ווי אָבער עס איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט, האָבן זיינע קנעכט געאיילט אַוועקצוגיין, און בגוא האָט פאַרשלאָסן דאָס געצעלט פון דרויסן, און האָט אויסגעשלאָסן די אנוועזנדיקע פון פאַר דעם אנגעזיכט פון זיין האַר; און זיי זענען זיך אַוועקגעגאַנגען צו זייערע געלעגערס: ווארום אַלע זענען שוין געווען מיד צוליב דעם וואָס דאָס טרינק־מאָלצייט האָט געדויערט אַזוי לאַנג. אָבער יהודית איז איבערגעבליבן איינע אַליין אינם געצעלט, און האלאפערנעס איז געלעגן אויף זיין געלעגער: ווארום ער איז געווען אָנגעפילט מיט וויין. און יהודית האָט געהייסן איר דינסט שטיין אינדרויסן פון איר שלאָף־קאַמער, און וואַרטן אויף איר אַרויסקומען, ווי יעדן טאָג: ווארום זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אַרויסקומען צו איר תפילה טון; אויך דעם בגוא האָט זי געזאָגט לויט די דאָזיקע ווערטער. און אַלע זענען אַוועק פון פאַר איר אָנגעזיכט, און קיינער איז נישט איבערגעבליבן אין דער שלאָף־קאַמער פון קליין ביז גרויס. און שטייענדיק ביי דעם געלעגער אירן, האָט יהודית געזאָגט אין איר האַרצן: האַר, גאָט פון יעדער מאַכט, בליק אין אָט דער שעה אויף די מעשים פון מיינע הענט פאַר דער דערהייכונג פון ירושלים, ווייל איצט איז די צייט דו זאָלסט דיך אָננעמען פאַר דיין ירושה, און טון מיין באַגער צו דער פאַרדאָרבונג פון די שונאים, וואָס האָבן זיך אויפגעשטעלט קעגן אונז. און צוגייענדיק צו דער זייל פון געלעגער האלאפערנעסן צוקאָפּנס, האָט זי דערפון אַראָפּגענומען זיין שווערד; און האָט זיך דערנענטערט צום געלעגער, און האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די האָר פון קאָפּ, און געזאָגט: שטאַרק מיך, גאָט פון ישראל, דעם היינטיקן טאָג! און האָט אים געשלאָגן צוויי מאָל אויף זיין האַלז מיטן גאַנצן כח אירן, און אים אָפּגעהאַקט



דעם קאָפּ, און אַראָפּגעקייקלט זיין לייב פון געלעגער, און אַראָפּגענומען די חופּה פון די זיילן; און אין אַ קליינער ווײַלע איז זי אַרויסגעגאַנגען, און האָט איבערגעגעבן דער קאַמערדינסט אירער דעם קאָפּ פון האלאפערנעסן; און זי האָט אים אַריינגעוואָרפן אין זעקל פון אירע שפּייז: און ביידע זענען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען, לויט זייער געוווינהייט: און זענען אַדורכגעגאַנגען די מחנה, און אַרומגעגאַנגען יענעם טאָל, און זענען אַרויפגעשטיגן אויפן באַרג בתוליה, און זענען געקומען צו אירע טויערן.

און יהודית האָט גערופן פונדערווייטנס צו די שומרים ביי די טויערן עפנט אויף, עפנט שוין אויף דאָס טויער! מיט אונז איז גאָט, אונזער גאָט, נאָך צו ווייזן זיין כח אין ישראל, און זיין קראַפט קעגן אונזערע פיינט, ווי ער האָט עס געטון דעם היינטיקן טאָג. און עס איז געווען, ווי די לייט פון איר שטאָט האָבן דערהערט איר קול, האָבן זיי געאיילט אַראָפּצוגיין צום טויער פון דער שטאָט זייערער, און האָבן צונויפגערופן די זקנים פון דער שטאָט. און אַלע זענען זיך צונויפגעלאָפן, פון קליין ביז גרויס, ווייל איר קומען איז פאַר זיי געווען אַ וווּנדער: און האָבן אויפגעעפנט דאָס טויער, און זיי אַריינגענומען, און אָנגעצונדן אַ פייער פאַר אַ באַלויכטונג, און זיי אַרומגערינגלט. זי אָבער האָט געזאָגט צו זיי מיט אַ הויך קול: לויבט גאָט, לויבט אים: לויבט גאָט, וואָס האָט נישט אָפּגעטון זיין חסד פון הויז ישראל, נאָר האָט צעשמעטערט די שונאים אונזערע דורך מיין האַנט אין אָט דער דאָזיקער נאַכט. און אַרויסנעמענדיק דעם קאָפּ פון זאַק, האָט זי אים זיי געוויזן און געזאָגט: זע, דער קאָפּ פון האָלאָפאַרנעסן, דעם ראש הויפטמאַן פון דעם חייל פון די אַסיריער, און זע, די חופּה אונטער וועלכער ער איז געלעגן שכור; און דער האַר האָט אים געשלאָגן דורך דער האַנט פון אַן אשה. און אַזוי ווי דער האַר לעבט, וואָס האָט מיך אָפּגעהיטן אויף מיין וועג, אויף וועלכן איך בין געגאַנגען, אַז מיין פנים האָט אים פאַרפירט צו זיין פאַרדאַרבונג, און ער האָט נישט געטון מיט מיר קיין עבירה פאַר אַ פלעק און אַ שאַנד. און דאָס גאַנצע פאָלק איז נשתומם געוואָרן, און האָבן זיך געבויגן און געבוקט צו גאָט, און געזאָגט אַלע אינאיינעם, געלויבט ביסטו, אונזער גאָט, וואָס האָסט צונישט געמאַכט אין דעם היינטיקן טאָג די שונאים פון דיין פאָלק. און עוזיה האָט צו איר געזאָגט: געבענטשט ביסטו, טאָכטער, פאַר גאָט, דעם אויבערשטן, איבער אַלע פרויען אויף דער ערד; און געלויבט איז דער האַר גאָט, וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד, וועלכער האָט דיך געפירט צום אָפּהאַקן דעם קאָפּ פון דעם פירשט פון אונזערע פיינט. ווארום דיין האָפנונג וועט קיינמאָל זיך נישט אָפּטון פון די הערצער פון מענטשן, וואָס געדענקען דעם כח פון גאָט אויף אייביק. און זאָל גאָט דאָס אַלץ דיר מאַכן פאַר אַן אייביקע לויב, און זיך אומקוקן אויף דיר צום גוטן, דערפאַר וואָס דו האָסט נישט געשוינט דיין זעל צוליב דער באַדריקונג פון אונזער שטאַם, נאָר ביסט אַרויסגעגאַנגען העלפן קעגן אונזער מפּלה, וואַנדלענדיק אויפן דרך הישר אין אָנגעזיכט פון אונזער גאָט. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט: זאָל אַזוי זיין! זאָל אַזוי זיין!

יד.

אונ יהודית האָט צו זיי געזאָגט: הערט מיך אויס, ברידער, און נעמט דעם דאַזיקן קאָפּ, און הענגט אים אויף אויפן אויבערשטן טייל פון אונזער מויער. און עס וועט זיין, אַזוי גיך ווי דער מאָרגן וועט אייַנברעכן, און די זון וועט אויפגיין איבער דער ערד, זאָל יעדער איינער נעמען זיינע כלי־זיין, און זאָל יעדער שטאַרקער מאַן אַרויסציען אויסער דער שטאָט, און זעצט אַ הויפּטמאַן איבער אייך, ווי איר וואָלט געוואָלט אַראָפּנידערן צום פּלוין קעגן דער וואַך פון די קינדער פון די אַסיריער; אָבער נידערט נישט אַראָפּ. און די דאָזיקע וועלן נעמען זייערע וואָפנס, און איילן צו זייער מחנה, און אויפוועקן די הויפּטלייט פון דעם חייל פון די אַסיריער, און זיי וועלן לויפן צום געצעלט פון האלאפערנעסן, און וועלן אים נישט געפינען. און אַ פּחד וועט זיי באַפאַלן, און זיי וועלן אַנטלויפן פון פאַר אייער פּנים. און איר, און אַלע איינוווינער פונם גאַנצן געבירג פון ישראל, וועט זיי נאָכיאָגן, און זיי פאַרטיליקן אויף זייערע וועגן. איידער אָבער איר טוט דאָס, רופט מיר דעם אכיור העמוני, כדי ער זאָל זעען און דערקענען דעם, וואָס האָט מבזה געווען דאָס הויז ישראל, און וואָס האָט אים געשיקט צו אונז, ווי צו זיין טויט.

און זיי האָבן גערופן אכיורן פון עוזיהס הויז; ווי אָבער ער איז געקומען, און געזעען דעם קאָפּ פון האלאפערנעסן אין דער האַנט פון אַ מאַן אין דער פאַרזאַמלונג פון פאָלק, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן פּנים, און געחלשט. ווי אָבער זיי האָבן אים אויפגעהויבן, איז ער אַנידערגעפאַלן יהודיתן צו די פיס, און זיך געבוקט פאַר איר, און געזאָגט: געבענטשט ביסטו אין אַלע געצעלטן פון יהודה, און צווישן אַלע פעלקער, וואָס הערנדיק דיין נאָמען וועלן זיך פאַרכטן. און איצט דערצייל מיר אַלץ, וואָס דו האָסט געטון אין אָט די דאָזיקע טעג. און יהודית האָט אים דערציילט אינמיטן דעם פאָלק, אַלץ וואָס זי האָט געטון, פון דעם טאָג אָן ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען ביז ווען זי האָט צו זיי גערעדט. ווי אָבער זי האָטאויפגעהערט צו רעדן, האָט דאָס פאָלק געשריגן מיט אַ הויך קול, און אויפגעהויבן אַ קול פון פרייד אין זייער שטאָט. אכיור אָבער, זעענדיק אַלץ וואָס דער גאָט פון ישראל האָט געטון, האָט פעסט געגלויבט אין גאָט, און זיך מל געווען דאָס פלייש פון זיין ערלה, און איז צוגערעכנט געוואָרן צום הויז ישראל ביזן היינטיקן טאָג.

ווי אָבער דער מאָרגן האָט אייַנגעבראָכן, האָבן זיי אויפגעהאָנגען האלאַפערנעסנס קאָפּ אויף דער מויער, און יעדער מאַן פון ישראל האָט גענומען זיינע כלי־זין, און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין הערשאַרן צו די אַרויפגענג. ווי אָבער די קינדער פון די אַסיריער האָבן זיי דערזען, האָבן זיי געשיקט צו די הגמונים זייערע; און זיי זענען געגאַנגען צו די שרים פון חייל און שרים איבער טויזנטער און צו יעדן פירשט זייערן. און זענען זיך צונויפגעקומען צום געצעלט פון האלאפערנעסן, און געזאָגט צו אים, וואָס איז געשטאַנען איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן: וועק אויף אַצינד אונזער האַר, ווייל די קנעכט אונטערשטעלן זיך אַראָפּצונידערן קעגן אונז אין אַ מלחמה, כדי זיי אינגאַנצן צו פאַרטיליקן.



און בגוא איז אַרייַנגעגאַנגען, און האָט אָנגעקלאַפּט אויף דער דרויסנדיקער טיר פון געצעלט; ווארום ער האָט געמיינט, אַז ער שלאָפט מיט יהודיתן. אַזוי ווי אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט, האָט ער אויפגעעפנט, און איז אַרייַנגעגאַנגען אין דער שלאָפקאַמער, און האָט אים געפונען ליגן טויט אויף דער שוועל, און דער קאָפּ איז געווען אַראָפּגענומען פון אים. און ער האָט אַ געשריי געטון בקול־רם, מיט געוויין און קרעכצן און אַ שטאַרק גערוואַי, און האָט זיך צעריסן די קליידער. און ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין געצעלט, ווו יהודית האָט געוווינט, און האָט זי נישט געפונען. איז ער אַרויסגעשפרונגען צום פאָלק, שרייענדיק: די קנעכט זענען באַגאַנגען אַ שאַנדטאַט: אַ פרוי פון די עברים האָט אָנגעטון אַ חרפה דעם הויז פון קעניג נבוכדנצר; ווארום זע, האלאפערנעס ליגט אויף דער ערד, און דער קאָפּ איז נישט אויף אים. ווי אָבער די שרים פונם חייל פון די אַסיריער האָבן דערהערט די ווערטער, האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און זייער זעל איז זער דערציטערט געוואָרן, און עס איז געוואָרן אַ געשריי און אַ געוואַלטיק געוואַי אין דער מיט פון זייער מחנה.

טו.

און ווי די לייט אין די געצעלטן האָבן עס דערהערט, זענען זיי דערשטוינט געוואָרן איבער דעם געשעענעם. און אַ ציטערניש איז זיי באַפאַלן און אַ פּחד, און עס איז מער נישט געווען קיין מענטש, וואָס איז געבליבן פּנים אל פּנים מיט זיין חבר, נאָר אַלע אינאיינעם האָבן זיך געטון אַ וואָרף אַרויס, און זענען אַנטלאָפן איבער יעדן וועג פון פלוין און געבירג. אפילו די, וואָס האָבן געלאַגערט אויפן באַרג־לאַנד פון בתוליה, האָבן זיך אומגעקערט צום אַנטרינען. דעמאָלט האָבן די קינדער ישראל, יעדער איש־חייל פון זיי, זיך אַ וואָרף אַרויס געטון אויף זיי. און עוזיה האָט געשיקט קיין בית־חומשתים און חובה און חולה, און צו יעדן גבול פון ישראל, צו דערציילן וואָס עס איז געשעען, און כדי אַלע זאָלן זיך וואַרפן אויף די שונאים זיי צו פאַרטיליקן. און ווי די קינדער ישראל האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי אַלע זיי באַפאַלן, און זיי געשלאָגן ביז חובה: און פונקט אַזוי אויך די מענטשן פון ירושלים זענען געקומען, און די פונם גאַנצן באַרגלאַנד — וואָרום מען האָט זיי דערציילט וואָס עס איז געשעען אין דער מחנה פון זייערע שונאים — און די מענטשן פון גלעד און גליל האָבן זיי געפלאָגט אַ גרויסע פּלאָג, ביז זיי זענען נישט געקומען קיין דמשק און אירע געמאַרקן. די איבריקע איינוווינער אָבער פון בתוליה זענען באַפאַלן דעם לאַגער פון די אַסיריער, און האָבן אים אויסגערויבט, און זיך זער באַרייכערט. אָבער די קינדער ישראל, אומקערנדיק זיך פון דער שלאַכט, האָבן באַהערשט דאָס איבריקע, און די דערפער און הויפן אויפן געבירג און אויפן פלוין, און גענומען פיל זאַקרויב; וואָרום עס איז געווען אַ געוואַלטיק גרויסע מאַסע.

און יהויקים כהן־גדול, און דער זקנים־ראָט פון די קינדער ישראל, וואָס וווינען אין ירושלים, זענען געקומען זעען דאָס גוטס, וואָס דער האַר האָט געטון מיט ישראל, און צו זעען יהודיתן, און צו רעדן מיט איר (ווערטער פון) שלום. און ווי זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען צו איר, האָבן אַלע צוזאַמען זי געבענטשט, און

צו איר געזאָגט: דו קרוין פון ירושלים, דו גרויסער שטאָלץ פון ישראל, דו גרויסער רום פון אונזער שטאַם: דו האָסט דאָס אַלץ געמאַכט מיט דיין האַנט, האָסט געטון גוטס מיט ישראל, און גאָט האָט אַ ווילגעפעלן דערין: געבענטשט זאָלסטו זיין ביים אַלמעכטיקן האַר אויף אייביקער צייט. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט אמן. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגערויבט דעם לאַגער במשך פון דרייסיק טעג, און האָבן געגעבן יהודיתן דאָס געצעלט פון האָלאָפאַרנעסן, און אַלע זיינע זילבערנע כלים, און די בעטן, און קישנס, און אַלע געפעסן. און זי האָט זיי גענומען, און האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף איר מוילאייזל, און האָט איינגעשפאַנט אירע וועגענער, און זיי געלייגט אויף זיי.

און אַלע פרויען פון ישראל זענען געקומען צו לויפן זי צו זען; און האָבן זי געבענטשט, און געמאַכט צווישן זיך אַ טאַנץ אַרום איר; און זי האָט גענומען צווייגן אין אירע הענט, און זיי געגעבן צו די פרויען, וואָס זענען געווען ביי איר. און זיי האָבן זיך באַקראַנצט מיט איילבירט־צווייגן, זי אַליין און די פרויען מיט איר; און זי איז געגאַנגען פאָרויס פאַר דעם גאַנצן פאָלק אין אַ טאַנץ, פירנדיק אַלע פרויען: און יעדער מאַן פון ישראל האָט נאָכגעפאָלגט באַוואָפנט און מיט קראַנצן און לויב־געזאַנגען אין זייער מויל. (סוף קומט)

---

## יחזקאל בראָנשטיין

### פון דיכטונג צו פראָזע

(מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן)

ווען אַ דיכטער מיט טאַלאַנט און סטאַזש אין דער ליטעראַטור גייט אַריבער אין זיין שרייבן פון דיכטונג צו פראָזע, דינט עס אים בלויז ווי אַ באַטאָנונג פאַר דער ווייטערדיקער באַנייאונג און המשך פון זיין וואָרט, וואָס ווערט פון אים אַליין אויפסניי באַפליישט און באַהויט מיט אַ דורכאויס נייער הויט, פאָרם און אינהאַלט — אין דעם פראָצעס פון זיין שאַפן־און־באַשאַפן נייע קינסטלערישע ווערטן. צוליב דעם וואָלט איך, פאַר די פראָזע פון אַ דיכטער נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אַראָפּפאַל פון זיין קינסטלערישער גדולה, נאָר, אין געגנטייל — ווי אַ דורכאויס באַזונדערער אויפשטייג, דערהויבונג אפילו — און אפשר גאָר דער וווּנדערלעכער שליסל צו זיינע עמאָציעס און אינטואיצט, וואָס באַפרייען זיך דאָ מיט אַמאָל פון דער געצוימטער און ביז גאָר קאָמפּליצירטער פאָרם פון דיכטונג און אַנטפּלעקן פאַר דיר און דעם דיכטער גופא אומגעריכט, די ביז איצטיקע מיסטעריע און וועגן פון זיין שאַפן.

די דיכטערין מלכה לי דערציילט אונז איצט, אין איר ערשטן פראָזע־בוך „דורך קינדערשע אויגן", מיט אַ מערקווירדיקער עכטקייט און קלאָרקייט, פון איר אַמאָליקער אָנהייב, אַז —

...איך וועל אַמאָל... אויסזינגען... מיין געזאַנג, וואָס דרימלט אין מיר אַזוי ווי אַ קוואַל און זוכט אַ וועג אַרויסצושפּילן אין די שענסטע רעגנבויגנדיקע פאַרבן, אינם לשון פון מיין טאַטע־מאַמע (אירע ערשטע לידער האָט מלכה לי געשריבן אויף דייטש—י.ב.), אינם לשון פון מיין גאַליציאַנער היים, ווו מיין וויג איז געשטאַנען...

און ווייטער —

...איך בין דער באַרג וואָס טראָגט אין זיך דעם קוואַל, דעם קוואַל פון נאָך נישט אויסגעזונגען געזאַנג...

וועגן דעם בראשית און אויפקום פון איר ליד בכלל, דערציילט זי אונז אַזוי:

...די אַלע לידער וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן האָב איך נישט געשריבן צוליב דעם, וואָס איך וויל זיין אַ פּאָעט. עס איז געווען דער אייבערמענטשלעכער כוח, אַזוי ווי דער כוח פון דער נאַטור, וואָס פּרעסט זיך אַריין אין בוים און דער בוים מוז אויפשפּראָצן מיט בליאונג.

און ווייטער —

...אַזוי ווי דער קוואַל וואָס מוז דורכלעכערן אַ באַרג און אַרויס אויף דער ליכטיקייט, אַזוי קומען צו מיר לידער פון דער טיפעניש און זיי פאָרמירן זיך אומבאַוווּסט אין שורות, וואָס מען רופט: לידער...

וועגן פאָרם און אינהאַלט:

...איך האָב זער ווייניק פאַרשטאַנען וועגן פאָרם און אינהאַלט, ווייל אויב אַ ליד ווערט געבוירן איז עס שוין געשטאַלטיקט, עס האָט שוין הענט און פיס, אויגן און ליפּן, עס האָט שוין אַ פּנים...

זי פאַרשטייט שוין אָבער דאַן אפילו, אַז —

...מען דאַרף עס אַרומוואַשן און עס אויסוואַרעמען. די הויפּט־זאַך איז —באַטאָנט זי שאַרף — דאָס באַשאַפענע ליד, ווייל „באַשאַף" איז (באַדאַרף זיין—י.ב.) נאַטירלעך און עכט...

איצט, צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי דער באַרג: מלכה לי — האָט פון זיך אַרויסגעשלאָגן און אינגאַנצן באַפרייט דעם קוואַל פון איר געזאַנג, וואָס כישופט אַרויס פון אירע גערעטענע פיר לידער־ביכער, האָט די לירישע דיכטערין אונז אונטערגעטראָגן אירע קינדער־יאָרן אין אַ ליריש־געלייטערטער פראָזע, אויף דער פאָן פון אירע זער טראַגיש־פּאַטעטישע דערפאַרונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס דינען דאָ ווי אַ טראַגישער פאָרשפּיל צו דעם בלוטיקן געראַנגל פאַר אונזער קיום.

דער תוכן פון איר ערשטן פראָזע־בוך איז אַ דורכאויס טראַגישער, ווייל ער איז געשריבן אויף דער פאָן פון יידישער טראַגיק — און איז צוליב דעם אַ גאָר וויכטיקער צושטייער צו אונזער נאָך אַלץ זיך פאַרמערנדיקער חורבן־ליטעראַטור, מיט דעם זעלטענעם עודף און אַקצענטירונג פון טאַלאַנט אויך אין איר אופן פון שרייבן פראָזע.

ביים עלטערפון פינף יאָר הייבט מלכה לי אָן צו לערנען זיך אין אַ פּוילישער שול. זי איז זער ענטציקט פון איר ערשטער לערערין: פאַננאַ שושטשענקאָ און אויף אַזוי פיל באַגייסטערט פון איר דעקלאַמירן „אורשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ" פון דעם דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש, אַז ווען איר מאַמע שיקט איר שפּעטער אַליין אַוועק מיט אַ באַן אויף וואַקאַציע צו זיידע־באָבע, האָט זי „...אויך דאָ...

דעקלאַמירט אורשולאַ קאַכאַנאָווסקאַ", וואָס האָט אגב זער אויסגענומען ביי די מיטפאַרנדיקע פּאַסאַזשירן. בשעת אָבער אַ גלח ווערט באַגייסטערט פון איר דעקלאַמירן און וויל איר געבן אַ מתנה אַ צלמל, האָט זי שוין דאַן גענוג שכל עס נישט אָנצונעמען, ווייל — „איך בין אַ יידיש קינד"...

אַלע דריי טיילן פון בוך „דורך קינדערשע אויגן" פון מלכה לי שטעלן מיט זיך פאָר דעם בהדרגהדיקן אופן פון וווקס און אַנטוויקלונג פון אַ יידיש קינד אין דעם צאַרטן אויפשפּראָץ פון די קאַרגע ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון איר פיינפולן לעבן, אין דער טראַגישער תקופה פון אונזער שטורמדיקן ערשטן האַלבן יאָרהונדערט.

די דיכטערין בלאָנזשעט אַבסאָלוט נישט, אין איר ערשטן פּראָזע־בוך.

זי האָט אַן אָפן אויג פאָר אַלץ און אַ דורכאויס נאַטירלעכע נייגונג מסביר צו זיין אַן ענין, אויפצודעקן דעם דראַמאַטישן אינהאַלט פון זאַכן און געשעענישן אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון מסירת־נפש און חיבוט הקבר, אפילו אונטער דעם צודעק פון „דאָס פרומע שייטל", אין וועלכן עס פאַרנעסטלט זיך „אַ פעקל מיט פאַפירן־געלט" וואָס אירער אַ שכן האָט זי געבעטן „...זי זאָל עס אַרויסנעמען... וואָס ער האָט באַהאַלטן אין לאָמפּ... הינטערן אבאַזשור", וואָס די טריפהנע יידענע האָט וואָלונטירט צו גיין אויפזוכן און דערנאָך עס אינגאַנצן פאַרלייקנט אונטער דעם אויסרייד, אַז „...די זעלנער האָבן נאָך פריער דאָס געלט אָפּגעראַמט..." צי די מעשה מיט „די געשמיסענע ברידער", אין וועלכער עס ווערט מיט ווייטיק באַטאָנט, אַז „צווישן די צען האָט איין רייכער ייד געפעלט. אַנשטאָט אים איז געשטאַנען אַן אָרעם שניידערל... אַ גוטע טאָכטער האָט אויסגעביטן איר פאָטער פאָר אַן אַנדערן קינדס טאַטן..."

חורבן און אומגליק דאָמינירן די קינדער־יאָרן פון מלכה לי, וואָס זיינען סוף כל סוף גורם איר צעשיידונג מיט איר וואונדערלעכער מאַמע, וואָס האָט איר דערמוטיקט אָנצוהויבן שרייבן לידער אין אַ גאָר יונגען עלטער און איר אַליין „...אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, ווייל איך האָב געזען און געפילט, אַז דו ביזט באַרופן צו גרעסערס, ווייל דו ביזט באַשאָנקען מיט גאָטס מתנה — צו זיין אַ דיכטערין..."

די מאַמע, וואָס פאַרנעמט אגב דעם אויבנאָן אין דער דיכטונג פון רחל ה. קאָרן — פאַרנעמט אויך דאָ דעם סאַמע אויבנאָן אין דעם ערשטן פּראָזע־בוך פון מלכה לי.

די טראַגיק פון דער תקופה און סביבה אין וועלכער די קינדער־יאָרן פון מלכה לי זיינען פאַרוואָרצלט, דערהויבן דעם סיפור המעשה פון איר ערשטן פּראָזע־בוך צו דער אַבסאָלוטער קדושה פון קרבנות־גרייטקייט און העראָאיק פון דער דיכטערין, וואָס האָט אין דער סטיכיע פון איר קינדערישקייט, ביים סאַמע שוועל פון חורבן און טויט, באַוויזן צו דערשלאָגן זיך צום אבי אבות הטומאה — דעם „פירער" פּעטלורע, ימח שמו וזכרו, וואָס „איז געווען צו גאַסט ביי אונז אין שטעטל", ער „זאָל באַפרייען דעם טאַטן", אין דער געגנוואָרט פון „...זיין געליבטע... וואָס האָט זונהש געלאַכט דורך אירע ווייסע ציין".



„דורך קינדערשע אויגן", דער ערשטער פּראָזע־בוך פון מלכה לי — האַלט זיך געשפּאַנט מיט זיין אופן פון אויסדרוק, פאָרם און אינהאַלט, און קען דערייבער דינען ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז דער איבערגאַנג פון דיכטונג צו פּראָזע ביי אַ דיכטער מיט טאַלאַנט, איז דער המשך פון איין און דער זעלבער קינסטלערישער עבודה, וואָס באַצוועקט איין זאַך: אַרויסצוכישופן פון זיך אַליין דאָס סאַמע בעסטע אין אַ באַנייטער פאָרם, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם זעלבן וואָרט, וואָס האָט זיך פריער אויסגעשטאַלטיקט אין דער דיכטונג פון דעם זעלבן שריפטשטעלער.

---

## שמואל ווהייט

## אלע געזאנגען

(געווידמעט מיין אסתרל)

פון ציקל „לירישע שיר השירים געזאַנגען"

אַלע געזאַנגען מיינע, דיר באַלאַנגען,
די אויסגעזונגענע שיר השירים לידער,
זיי אָטעמען מיט ריטמישע קלאַנגען,
פון דיינע באַוועגלעך גראַציעזע גלידער.

די נאַכטיגאַל מיט אירע זיסע טרעלן,
לבנה מיט איר זילבער־ליכט דעם העלן,
וועבן זיך צוזאַמען אין אַ סימפאָני,
און דער אַרום, עכאָט לויטער, די! די!! די!!!

אויגן אַפּלען

אין טיפן פיין, טוט מיין האַרץ זיך צאַפּלען,
איך איינזאַמער וויל מיין גורל לעזן,
אין דעם בליק פון דיינע אויגן־אַפּלען.

טעג לאַנגע, נעכט פינסטערע —
שוואַרצע נאָך פיל לענגער,
פיל איך, מיר ווערט אַלץ ענגער —
— — — — — — — — — —
אין דעם פינטל פון דיין בליק,
דאָרט הענגט מיין גאַנץ לעבנס־גליק.

פרילינג

אַ מילדער ווינט נעמט מיך אַרום,
און רוימט אַ סוד מיר איין,
דו ביזט מיט גאָט אַליין.
אַ פויגל טריל
טאָנט צאַרט־שטיל,

אַ מילדן גריס
אַזוי ווייך, אַזוי זיס,
היינט האָט זיך די וועלט
מיט העלן ליכט צעשיינט
פרייד אין מיר געגאָסן
מיך מיט נאַטור פאַראיינט.

## יוסף הערמאַן

(צו זיין אויסשטעלונג אין דער „ווייטשעפּל אַרט־גאַלעריע")

ער איז דאָ אַהערגעקומען קיין ענגלאַנד, יוסף הערמאַן, מיט זיינע שטראַלנדיקע נאָסטאַלגיע־אויגן, ווי אַ פאַרחלומט יינגעלע פון „פּאַרן טויער" פון אַ וואַרשעווער הויף. דאָס קיילעכדיק לבנה־פּנים טראָגט ער נאָך היינט אויף זיינע אַקסלען! נאָר מיטן כּוח פון זיין טאַטנס פעסטן שוסטער־האַמער, זיך אַליין צו געבן איבערן קאָפּ, איז אים געלונגען תּופס צו זיין און פעסט צו האַלטן דעם האַרטן רעאַליזם פון אונזערע טעג.

יוסף הערמאַן איז אפשר דער מאָלעריש רייפסטער צייכן־טעכניקער צווישן אונזער יידישע קינסטלער, וואָס מיר האָבן איצט. די ענגלישע קונסט־וועלט איז זיך לגמרי נישט טועה, מיט דעם וואָס זי שרייבט אים צו. אָבער, וואָס וואָלט אַפילו רעמבראַנדן גענוצט זיין גאַנצע מייסטער־טעכניק אָן דעם שטיקעלע פאַרצערטן בעטלער־פלייש — פלייש פון זיין פלייש! — וואָס קוקט אַרויס צערטלעך צווישן די לעכער פון די ווירטואָז־אויסגעצערעוועטע צעריסענע טראַנטעס?

יוסף הערמאַן קאָן זיך „מאַכן" (גאַנץ ענגליש . . .) אַזוי ווי פאַרבייגענדיק גאַנץ „פאַכמעניש" אַ שטימונג אויסצואַרבעטן. ער וויל אונז „אָפּנאַרן" . . . אָבער בשעת די אויגן זיינען פאַרכאַפּט פון זיין טעכניש קענען, פון זיין געזונט צייכענען, קלאַפּט דאָס האַרץ דערביי גאַנץ נישקשהדיק. יאָ, מען קאָן זיך צוהערן צו אַ סך פון זיינע בילדער, נישט בלויז זיי אָנקוקן.

עס איז נישט נאָר די פּרעציז־רעאַליסטישע מרה־שחורה פון די פאַרשוואַרצטע און ערלעכע קוילן אַרבעטער, מיט די האַרטע נידריק־אַראָפּגערוקטע שטערן, און טיף אַריינגעזעצטע קוילן־אויגן; עס איז דאָס קוביסטיש־דימאַנטינע, גראַדיק געשליפענע, וואָס די קויל־פאַרשאָטנקייט טראָגט פּאָטענציעז פאַרשאָטן אין זיך — דאָס איז וואָס עס ווירקט אין זיינע „וועלש"־בילדער.

מיר האָפן און זיינען זיכער, אַז אונזער הערמאַן, וועט וואָס ווייטער, נישט נאָר פאַרפאַרן ווייט אין זיינע האָלענדישע צוויי־רעדערדיקע פּויערים וועגעלעך, נאָר דאָס בלוי־פאַרחלומטע, פּיאָלעט־ נאָסטאַלגישע און אַפילו דאָס האַנדלדיק־פּרטימדיקע, פּרימיטיווע, מיטגעבּרענגט מיט זיך פון די אָרעמע וואַרשעווער „האַנדל־האַנדל"־הויפן, וועט וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויסשטראַלן פון זיין מאָלערישן קענען און ווירטואָזיש־מייסטערלעכן צייכענען.

ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער

שבת, דעם 21־טן אַפּריל, געווידמעט די סאָוויעטישע יידישע שרייבער: בערגעלסאָן, מאַרקיש, נסתּר, פּעפער.

שבת, דעם 28־טן — „איז צעזאַר נישט געווען צעזאַר?" (דער ענין כרושטשעוו קייגן סטאַלין) — אליהו פּאַלושאַק.

שבת, דעם 5־טן מאַי — די יידישע פּראָזאַאיקער אין ענגלאַנד.

שבת, דעם 12־טן — די ייִדיש־ענגלישע פּאָעטן.



---

**לאָנדאָן קאונטי קאונסיל און פריינט פון יידיש לשון**

**מאָנטיק, דעם 30־טן אַפּריל, 7.30**

אין מירדל סטריט שול, מירדל סטריט, א.1.

**די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער אין לאָנדאָן**

(דער צווייטער פייערלעכער אָוונט לכבוד דעם יובל יאָר)

**קייזער, ליסקי, ביעטש** וועלן לייענען זייערע אייגענע דערציילונגען.

**סאָכאַטשעווסקי** און **פיין** וועלן לייענען זייערע לידער.

**נעט רובין** און **אייזיק גאָלדבערג** וועלן רעציטירן לידער פון זיידענפעלד, הערשמאַן, ויהייט, לערנער, זאַלקין און שטענצל

דער באַרימטער זינגער **נאָרמאַן מאַרגאָליעס** וועט זינגען

טיי מיט פאַרבייסן אין די פּאַוזעס. איינטריט פריי.

---

## רעדאַקציע נאָטיץ

צוליב דוחק אין פּלאַץ וועלן אייניקע אַרטיקלען איבערגעלאָזן ווערן פאַרן קומענדיקן חודש. אַזוי אויך דער באַריכט איבער דעם אַלמאַנאַך־באַנקעט און אַנדערע באַריכטן און די קולטור ידיעות.

מיר שיקן די טעג אַרויס צו אונזערע לייענער אונזער „יובל־אַלמאַנאַך" און מיר האָפן אַז זיי וועלן אים מיט פרייד דערהאַלטן און צושיקן דעם באַטרעפנדען ביישטייער. פריינט פון יידיש לשון האָט בדעה, אויב די קאָסטן פון דעם בעלעטריסטיק אַלמאַנאַך וועט זיין געדעקט, בקרוב אַרויסצוגעבן נאָך איינעם פון עסייען און פּובליציסטיק.

ד.ר.

---

**„פאַריזער צייטשריפט"**

3־מאָנאַטליכער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און קולטורעלע פּראָבלעמען.

1 פונט יערלעך. 5/6 איינצעלנע נומערן. פּאָסט פריי.

פאַרטרעטער אין ענגלאַנד:

M. BECKERMAN, 10 Ennismore Avenue, London, W.4.

פריינט פון יידיש לשון—וועסט ענד בראַנטש

זונטיק, ל״ג בעומר, דעם29־טן אַפּריל, 7 אַזייגער,

דיען סטריט, אין דיען סטריט שול גרויסן זאַל

**300 יאָר פייערונג צום צוריקקער פון יידן קיין ענגלאַנד**

רעדעס, רעציטאַציעס, געזאַנג ביי געדעקטע טישן.

איינטריט ביי פּראָגראַם.

---

אונזער טיפן מיטלייד מיט פריינט **סעם לעוו** צום טויט פון זיין שוועסטער **עני מאַרקס**, וועלכע איז געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגעןליידן.

פריינט פון יידיש לשון.

---

ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט״ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „„שיידעוועגן״, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס״, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען״, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט״, שמואל וואהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

---

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 5 (העפט 296) זיבעצנטער יאָרגאַנג מאַי 1956 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


זמן מתן תורתנו — — אינם הונדערטסטן געבוירן טאָג פון פּראָפעסאָר זיגמונד פרויד, „משה און מאָנאָטעאיזם״ ........ •• 1

מתן תורה (עסיי) ........ משה חילענסקי 5

אַ חלום (צום אָנדענק פון די מאַרטירער פון װאַרשעװער געטאָ (ליד) ........ עללאַ זילבערג 7

מנחם מענדל פון לאָנדאָן צו זיין חייב שיינה שיינדל אין תל־אביב ........ א. מייזלס 8

מיין אַננאַ ליזע, אין שקיעה־שעה, דריי לידער (לידער) ........ א. נ. שטענצל 12

דער פאָלקס העלד גדעון (פון דער סעריע „תנ״כישע געשטאַלטן״ ........ דר. יעקב י. מייטליס 15

יהודית (סוף) ........ 25

דער גרויסער שטאַאַטס־חיזיט און יידישע רעפּרעזענטאַנץ ........ אליהו פאלושאק 27

דער מאָרד פון די יידישע שרייבער ........ ש. 30

קולטור ידיעות פון לאָנדאָן (שער בלאַט) ; קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32


**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פרייז :—19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד :—5 דאָלאַר אַ יאָר**


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

“LOSHN UN LEBN,” 17 Delamare Buildings, Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*